STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10998

# LEO GLEZER

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# דער מענטש, וואס האט ניט געטראכט . . .

# לעאָ גלעזער

דער קולטור-טוער
און
פרייהייט-קעמפער

רעדאגירט פון ב. משובינסקי

אַרויסגעגעבן פונעם
„אַלגעמיינעם יידישן פאַרטיידיקונגס־קאָמיטעט"
פאַריז — 1947



לעאָ גלעזער, 1887—1944

# לעאָ גלעזער דער מענטש
# און געזעלשאַפטלעכער טוער

פינף און דרייסיק יאָר באַקאַנטשאַפט מיט אַ פרעקווענץ פון זיך צוזאַמענטרעפן, אין דורכשניט, איין מאָל אָדער צוויי מאָל אין חודש, גיט מיר דאָס רעכט צו באַהויפּטן, אַז איך האָב געקענט לעאָ גלעזער אין גאַנצן פאַרנעם פון זיין פּערזאָן, אין אַלע כאַראַקטער-שטריכן פון זיין גייסטיקן לעבן.

למען האמת מוז איך אָבער צוגעבן, אַז גלעזערס מאָראַלישע פיגור האָט זיך פאַר מיר אויסגעשטאַלטעט שוין גאַנץ קורץ נאָך דעם, ווי איך האָב זיך מיט אים באַקענט, און אַז אין משך פון אונזער לאַנגיאָריקער געמיינזאַמער אַרבעט אין די פאַרשידנאַרטיקע מאַניפעסטאַציעס פון זיין געזעלשאַפטלעכער אָדער אפילו פערזענלעכער אַקטיוויטעט, — האָב איך געזען פאַר מיר דעם זעלבן קאָמפּלעקס פון כאַראַקטער, געפילן און געדאַנקען, וואָס ס'האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט דער סטודענט לעאָ גלעזער אין יאָר 1908.

„אַ פרעמדע נשמה, זאָגט אַ רוסיש שפּריכוואָרט, איז אַ פינצטערניש", און ס'וואָלט געווען גערעכט צו זאָגן, אַז אין יעדנס נשמה קען מען לייענען ווי אין אַן אָפענעם בוך. גראָד פאַר גלעזערן אָבער איז כאַראַקטעריסטיש, אַז אפילו די, וואָס האָבן זיך געפונען מיט אים נאָר אין אַ ספּאָראַדישן קאָנטאַקט, האָבן געקאָנט לייענען אין זיין נשמה, ווי אין אַן אָפענעם בוך און זיך שאַפן אַ ריכטיק בילד פון זיין גייסטיקער פערזענלעכקייט.

דאָס דערקלערט זיך קודם כל דערמיט, וואָס דער גרונט-שטריך פון זיין כאַראַקטער איז געווען אָרנטלעכקייט. גלעזער איז געווען דאָס, וואָס ער איז געווען, און קיינמאָל אין זיין לעבען האָט ער ניט געזוכט „אָנצונעמען אַ פּאָזע". פאַרבלענדן יענעם די אויגן און פעלשן דעם אמתן אינהאַלט פון זיין פּערזאָן.

אַ צווייטע כאַראַקטעריסטישע אייגנשאַפט פון לעאָ גלעזער, איז די פולע האַרמאָניע פון זיין וועזן, אַן אידעאַל גלייכגעוויכט צווישן די אינטעלעקטועלע און עמאָציאָנעלע פאַקטאָרן פון זיין אינערלעכן לעבן. כ'וואָלט געזאָגט, אַז דער מוח און דאָס האַרץ האָבן ביי אים זיך שטענדיק קאָנטראָלירט

איינער דעם צווייטן, נישט דערלאָזט די איבערוואָג פון איינעם אויף דעם אַנדערן, און טאַקע דעריבער איז גלעזער געווען אַ „נוח לבריות", אָנגענעמען פאַר מענטשן, נישט נאָר פאַר זיינע פריינט, נאָר אויך פאַר זיינע קעגנער, ווייל אַזאַ נאַטור ווי גלעזער, שאַפט אַרום זיך רואיקייט, שטילט די ברוי־זנדיקע געמיטער און ווירקט אַלס אַ סינטעזירנדיקע קראַפט.

איך גלויב, אַז די אַלע, וואָס האָבן מיטגעאַרבעט מיט גלעזערן אויף פאַרשיידענע געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישע אָדער געזעלשאַפטלעך־קולטורעלע געביטן, האָבן געקאָנט קאָנסטאַטירן, אַז ער איז געווען אַ שטענדיקער רודף שלום, געזוכט אויסגלייכן די קעגנזעצלעכע טענדענצן און, טריי זיין אייגע־נער נאַטור, געשטרעבט צו „סינטעזירן".

ס'וואָלט אָבער געווען אַ טיפער פעלער צו מיינען, — און דאָס וואָלט, אגב, געווען אַ שווערע באַלידיקונג פאַר זיין אָנדענק, — אַז גלעזער איז געווען אַן „אויסגלייכער", ווייל פאַר אים איז אַלץ געווען גלייך, ד.ה. גלייכ־גילטיק, און אַז אים האָבן געפעלט פונדאַמענטאַלע פּרינציפּן פון אַ פּאָליטישן און נאַציאָנאַלן „אני־מאמין". די אויסגאַנגס־פּונקטן פון זיין וועלט־אַנשויונג זענען געווען דאָס יידישע נאַציאָנאַלע באַוווסטזיין און אַ סאָציאַליסטישע קאָנצעפּציע פון דער געזעלשאַפט. אַ ייד און אַ סאָציאַליסט איז גלעזער געווען פון זיינע יונגע יאָרן אָן און אַזעלכער איז ער געבליבן ביז צו דער טראַגי־שער ענדע פון זיין לעבן.

אויף די צוויי עיקרים פון זיין אידעאָלאָגיע האָט ער קיינמאָל ניט מוותר געווען און זיי איז ער געבליבן געטריי, טראָץ די פאַרשיידענע וואַריאַנטן, אין וועלכע אָט די הויפּט־פּונקטן האָבן געפונען זייער אויסדרוק ביי גלעזערן אין דער אָדער יענער עפּאָכע פון זיין לעבן.

נישט ווייניקער כאַראַקטעריסטיש פאַר גלעזערס פּערזאָן איז זיין עק־סטרעמע באַשיידנקייט אין געזעלשאַפטלעכער אַרבעט. כ'ווייס נישט, אויב נאָך עמיצער פון יידישע געזעלשאַפטלעכע טוער אין פּאַריז פון פאַר דער מלחמה איז געווען אַזוי פּאָפּולער אין די ברייטע קרייזן פון די יידישע מאַסן ווי דאָס איז געווען גלעזער. שוין בלויז זיין קולטור־טרעגערישע אַרבעט, אַ דאַנק זיינע גרויסע קענטנישן פון דער מאָדערנער פראַנצויזישער און יידישער ליטעראַטור, פלעגט שטענדיק צוציען אויף זיינע ליטעראַרישע פאָרטראַגן די גרעסטע יידישע אוידיטאָריעס, און אַלע יידישע אָרגאַניזאַציעס, אָן אונ־טערשיד פון זייערע פּאָליטישע ריכטונגען, האָבן געשעצט גלעזערן אַלס דעם פּאָפּולערסטן יידישן לעקטאָר.

און דאָך נישט געקוקט אויף זיין גרויסער פּאָפּולאַריטעט, איז גלעזער געבליבן דער אמתער „נחבא אל הכלים“, זיך קיינמאָל נישט גערוקט אויבן אָן, נישט געזוכט קיין כבודים און תמיד זיך באַגנוגנט מיט אַ פּאָסטן פון אַ צווייטן אָדער דריטן ראַנג. אין אַ גרויסן טייל פון די צאָלרייכע געזעלשאַפט-לעכע אָרגאַניזאַציעס, אין וועלכע ער האָט אַקטיוו זיך באַטייליקט, איז גלע-זער געווען דער סעקרעטאַר, ד.ה. דער חוט השדרה פון דעם אָרגאַניזם, דער טאָג-טעגלעכער האָרעפּאַשניק, אויף וועמענס פּלייצעס ס'איז געפאַלן כמעט די גאַנצע לאַסט פון דער שוואַרצער אַרבעט, אָבער אָן דעם גלאַנץ פון פּאָמ-פּעזע טיטולן, אָן כבודים פון „פּראָמינענטע“ רעדל-פירער...

און כדי צו דערגאַנצן דאָס מאָראַלישע בילד פון לעאָ גלעזער, מוז מען רעדן פון זיין אומבאַדינגטן און אומבאַגרענעצטן מוט, פון זיין שטענדיקער אַפּערוויליקייט, וואָס קיין געפאַר האָט נישט געקאָנט אָפּשטעלן. איך וויל ניט משיג גבול זיין מיינע קאָלעגן, וואָס שרייבן אין פאַרליגנדיקן יזכור-ביכל וועגן גלעזערס טעטיקייט בעת דער אָקופּאַציע, נעמלעך וועגן זיין אַרבעט אַלס סעקרעטאַר פון דעם „אַלגעמיינעם יידישן פּאַרטייידיקונגס-קאָמיטעט“. איך וויל נאָר אָנווייזן, אַז גלעזערס מאַרטירער-טויט איז נישט בלויז אַ טראַגישער „עפּיזאָד“, נאָר דער נאַטירלעכער פינאַל פון זיין העלדישער מסירת-נפש, וואָס האָט באַוועגט זיין נשמה גלייך פון דעם ערשטן טאָג פון דער דייטשער אָקופּאַציע. און קלינגענדיקע פראַזן, אָן ספּעקטאַקולערע עפעקטן, נאָר מיט אַ צניעותדיקער אַנטשלאָסנקייט און אומבאַשטרייטבאַרן ווילן, האָט גלעזער געשטעלט זיין לעבן אין דינסט פון יידישן פאָלק אין זיין קאַמף קעגן שונא. שוין דעם 15־טן יוני 1940 ד.ה. אויפן צווייטן טאָג נאָכדעם, ווי די אָקופּאַנטן האָבן אויסגעשפּרייט זייער מיליטערישע נעץ איבער גאַנץ פּאַריז, איז גלע-זערס לאָקאַל אויף רי פּאַראַדי געוואָרן דער זאַמל-פּונקט פון דער ערשטער יידישער רעזיסטאַנץ-גרופּע, הגם דאָס וואָרט „רעזיסטאַנץ“ האָט דאַן נאָך ניט עקזיסטירט. און אָט אין יענעם טאָג איז פאַר יעדן פון די אָנטיילנעמער אין דער גרופּע קלאָר געוואָרן ווי דער טאָג, אַז גלעזער האָט זיך „מאָביליזירט“ פאַר דעם ענטגילטיקן קאַמף, אַז אין דער טיפעניש פון זיין באַוווסטזיין איז ער שוין גרייט געווען אויף מסירת-נפש.

דער שיקזאַל האָט געוואָלט, אַז דער קרבן זאָל נישט באַלד אָנגענומען ווערן... גאַנצע פיר יאָר האָט גלעזער טאָג איין, טאָג אויס איינגעשטעלט זיין לעבן און, לויט זיין שטייגער אין נאָרמאַלע צייטן, באַשיידן, מיט אַ צניעותדיקן שמייכל גענומען אויף זיך די שווערסטע און אומדאַנקבאַרסטע

ארבעטן. זיך געריסן אויף די געפערלעכסטע, ביי די אקופאציע-באדינגונגען פאזיציעס פון יידישן ווידערשטאנד. געלינדערט יידישע צרות און יידישע נויט.

און גלעזער איז אוועק פון אונדז... די נאצישע הענקער האבן דעם 28-טן יוני 1944 ארויסגעריסן פון אונזערע רייען איינעם פון די בעסטע און ערלעכסטע דינער פון אונזער פאלק.

די אלע, און זייער צאל איז גרויס, וואס האבן געקענט גלעזערן, וועלן מיט טיפן צער ביזן סוף פון זייערע יארן, באהאלטן דעם זכרון פון זיין איידעלער נשמה, פון זיין גייסטרייכער און הארציקער ארבעט לטובת הכלל.

ר. גרינבערג

# לעאָ גלעזער אין טראַגישן פּעריאָד

אין טראַגישן חודש יוני 1940, ווען פּאַריז איז געבליבן כּמעט אויסגעליידיקט פון מענטשן און אַן אומענדלעכער טרויער האָט געלויערט אויף אַלץ און אַלעמען, האָב איך זיך מיט מיין פאַמיליע אַריבערגעצויגן אין אַזיל סענט־אַן, וווּ איך האָב פאַרנומען אַ מעדיציניש פּאָסטן. אַהין איז עס, אַ קורצע צייט נאָכן אַריינמאַרשירן פון די דייטשן, לעאָ גלעזער געקומען מיך באַזוכן.

גלעזער איז געקומען איינשטעלן מיט מיר קאָנטאַקט. מיר, די איבערגעבליבענע אין פּאַריז, זענען צו יענער צייט געווען אַזוי קליין אין צאָל, די משא פון געזעלשאַפטלעכע התחיבותן האָט אַזוי שווער געדריקט אויף אונז, מיר זענען אַלע געווען באַהערשט פון אַזאַ טויט-אַנגסט און פון אַזוי פיל פּיין, אַז עס איז נאָר געווען נאַטירלעך דאָס, וואָס מיר האָבן זיך איינס די צווייטע געזוכט, כּדי זיך צו האַלטן איניינעם און פאַרייניקן אונזערע אָנשטרענגונגען.

איך דערמאָן זיך נישט, צי האָב איך גלעזערן געקענט ביז דאַן. דאָס איז אויך גאָר נישט אַזוי וויכטיק. גלעזערס פּשוטע באַשיידענע געשטאַלט איז פאַר מיר פאַרבונדן אויף אייביק מיט אַ יענער ערשטער באַגעגניש אין סענט־אַן, פון אָט יענעם מאָמענט אָן זע איך פאַר מיר יענעם גלעזערן, וואָס איז מיט לייב און לעבן איבערגעגעבן זיין אַרבעט פאַרן יידישן כּלל, איבערגעגעבן אין אַזאַ מאָס. וואָס האָט אים פאַטאַל געמוזט דערפירן צום העכסטן קרבן.

איך זע פאַר מיר גלעזערן אָט גלייך, ווי ער וואָלט געשטאַנען אַ לעבעדיקער פאַר מיינע אויגן. פון ערשטן בליק האָט ער זיך אייגנטלעך מיט גאָר נישט אויסגעטיילט פון אַנדערע. ווי אָפט אָבער בעת אונזערע באַגעגנישן איז מיר אויסגעקומען אָפּצושאַצן זיין אינערע דיסציפּלין, און דער עיקר זיין זאָרג תּמיד צו שטיין אויף דער וואַך פון זיין ווירדע, פון אונזער אַלעמענס ווירדע אין אַנבליק פון אַזוי גרויזאַמען אונטערדריקער, מיט וועלכן מיר האָבן זיך אַלע געפונען פּנים לפּנים. דער שטריק, וואָס דער שונא האָט פאַרוואָרפן אויף אונזער אַלעמענס האַלז, איז געוואָרן אַלץ מער און מער איינגעצויגן, די דייטשן זענען געווען אומאויסשפּלעך אין זייער ביטרעקייט און דער

עיקר אין זייער באַנוצן זיך מיט די געמיינסטע מיטלען. יעדעס מאָל, ווען עס איז אונז געשטעלט געוואָרן עפּעס אַ „לאַוושקע" האָט דער אייביק-וואַכזאַמער גלעזער אונז באַצייטנס געוואָרנט קעגן דער דראָענדיקער סכנה. אַזוי האָט גלעזער געלעבט צווישן אונז ביז זיין אָפּפאָרן אין דער דרומדיקער זאָנע.

זיין אוועקפאָרן איז געוואָרן פאַר אים אַ מוז. געטרודפט פון דער געסטאַפּאָ און פון דער פראַנצויזישער פּאָליציי, האָט ער זיך דאָס מאָל בלויז על פּי נס אויסגעדרייט פון זייערע הענט; צווייט מאָל איז מען אים געקומען זוכן, דאָס צווייטע מאָל איז ער געראַטעוועט געוואָרן נאָר אַ דאַנק דעם מוט און מוסטערהאַפטער אויפירונג פון זיין קאָנסיערזשקע. מיר אַלע זענען באַשטאַנען דערויף ער זאָל אוועקפאָרן. עס איז קלאָר געווען, אַז זיין בלייבן אין פּאַריז זעצט אים אויס אויף די גרעסטע סכנות. אין אַזעלכע באַדינגונגען איז פאַר אים אויך שווער געוואָרן, אויב נישט גאַנץ אוממעגלעך, דורכצופירן זיין אַרבעט. און דאָך האָט ער געצעגערט. פאַר אים איז עס געווען אַ פראַגע פון געוויסן. ער האָט זיך געשטעלט די פראַגע, צי עס איז נישט זיין חוב נאָך אויף אַ צייט צו פאַרבלייבן אין דער צפונדיקער זאָנע. ער איז דערויף באַשטאַנען, און נאָר אונטער אונזער דרוק האָט ער זיך ענדלעך באַשלאָסן אוועקצופאָרן.

איך האָב אים מער נישט געזען. געוווסט האָב איך אָבער, אַז ער האָט אין דער דרומדיקער זאָנע ווייטער פאָרגעזעצט די אַרבעט, וואָס ער האָט מיט אַזוי פיל מוט דורכגעפירט אין דער צפונדיקער זאָנע. עס זענען אוועק לאַנגע חדשים. די ליידן, וואָס די יידישע באַפעלקערונג האָט פאַר דער צייט געהאַט אויסצושטיין, קאָנען מיט קיין שום ווערטער נישט באַצייכנט ווערן. אָבער די יידישע מאַסן, דער עיקר די מוטיקע פון צווישן זיי האָבן געשטעלט אַ ווידערשטאַנד, אַ ווידערשטאַנד, וואָס האָט געקאָסט שווערע קרבנות, אומצאָליקע מאַרטירער.

די באַפרייונג איז געשטאַנען הינטער דער טיר. אַלץ האָט עדות געזאָגט דערויף, אַז דער אַזוי לאַנג-דערוואַרטער מאָמענט האַלט ביים אָנקומען. און גראָד דאַן איז צו אונז דערגאַנגען די פאַטאַלע ידיעה: — לעאָ גלעזער איז געפאַלן אונטער די דייטשע קוילן.

אונזער חבר לעאָ גלעזער, אונזער פריינט, איינעם פון די בעסטע צווישן אונז, דריקן מיר דאָ אויס — פון די טיפעניש פון אונזער האַרצן אונזער גרויסן יראת הכבוד. אין פּשוטע ווערטער, אָן פראַזן, ווילן מיר אים

זאגן: דיין קרבן, דיין מארטיריערטום איז נישט געגאנגען לאיבוד. אין אים שעפן מיר מוט צו פארבינדן אונזערע וואונדן, כדי וואס בעסער ווידער־אויפצושטעלן דאס, וואס די בארבארישע כוחות האבן געוואלט פארניכטן. דיר, ווי אלע דיינע ברידער אין העלדישן טויט, האבן מיר צו פארדאנקען אונזער בטחון אין אונזער עתיד, אין אונזער יידישן עתיד, ווי אין דער צו־קונפט פון דער גאנצער מענטשהייט.

דר. ע. מינקאווסקי

# דער מענטש, וואָס האָט ניט געטראַכט...

באַקענט האָב איך זיך מיט גלעזערן אין פּאַריז אין יאָר 1920, אויף אַ פאַרזאַמלונג, גערופן אויף דער איניציאַטיוו פון פאַרשטאַרבענעם ל. בראַמסאַן צו גרינדן אין פראַנקרייך אַן אָפּטיילונג פון דער געזעלשאַפט „אָרט". אַ הייסער אָנהענגער פון די „אָרט"-אידייען, האָט זיך גלעזער מיט ברען אַרייַנגעוואָרפן אין דער „אָרט"-אַרבעט. איך האָב זיך אַזוי אַרום מיט אים זייער אָפט באַגעגנט אויף אַלע „אָרט"-פאַרזאַמלונגען.

ביי איינער אַזאַ געלעגנהייט זאָגט מיר גלעזער:

„איך קומט האָך אוים אָפט זיך אַנצושטויסן אויף לאַנדסלייט־עמיגראַנטן, וואָס נויטיקן זיך אין יורידישע יאָרער אַדמיניסטראַטיווע באַראַטונגען און וואָס זענען נישט בכוח צו באַצאָלן אַן אַדוואָקאַט?"

„יאָ, זייער אָפט אַפילו".

„אָט שיקט זיי, איך בעט אייך, צו מיר, איך וועל זיי מיט פאַרגעניגן באַהילפיק זיין".

„לעגט זיך אָקאָרשט איבער דעם ענין, גלעזער", האָב איך אים געענטפערט, „דער עולם דאַרף נאָר געוווירע ווערן פון אַזאַ נייעס, און מען וועט אייך אָפּשלאָגן ד טירן, די ניט־צאָלנדיקע קליענטן וועלן דאַן ביי אייך צונעמען אייער גאַנצע צייט".

„אַ, ווען דעם לוינט זיך נישט צו טראַכטן, שיקט זיי נאָר צו מיר, האָס דאַרף איך נישט אָפּהאַלטן".

כמעט צוויי יאָרצענדליק שפּעטער בין איך צוזאַמען מיט גלעזערן אויף אַ זיצונג פון אַ געהיימן קאָמיטעט, וווּ עס ווערט באַהאַנדלט די פראַגע, ווי אַזוי צו נישט צו מאַכן די דייטשע פּלענער וועגן „אָרגאַניזירן" ווי זיי האָבן דאָס אָנגערופן, די יידישע באַפעלקערונג אין פראַנקרייך. פאַר אונז איז געשטאַנען די פראַגע וועגן באַאיינפלוסן דעם אַזוי־גערופענעם קאָאָרדינירקאָמיטעט, וואָס אין אים זענען אויסער אונז געווען פאַרטרעטן אויך די איינגעבוירענע פראַנצויזישע יידן. נאָך דער זיצונג זענען מיר, איך און גלעזער, אוועקגעגאַנגען אין צווייען. ער האָט גערעדט וועגן דעם, ווי שווער עס איז

צו אַרבעטן אינאיינעם מיט די פראַנצויזישע מיטגלידער פונם קאָאָרדינירקאָמיטעט; ער האָט זיך באַקלאָגט אויף דער נאַאיווער פאַרשטעלונג, וואָס זיי האָבן בנוגע די דייטשן (דאָס איז געווען אין אָנהייב 1941), אויף זייער אופן צו באַטראַכטן די דייטשן אַלס מענטשן, וואָס מען קאָן מיט זיי דיסקוטירן איבער פראַגן פון אינטערנאַציאָנאַלע רעכט, ער האָט דערביי געבראַכט איניקע ביישפּילן:

איך האָב אים דערויף געזאָגט:

„הערט גלעזער, די געשטאַפּאָ האָט אַ שאַרפן אויער און לאַנגע הענט. אונזערע געהיימע זיצונגען זענען איין זאַך, נאָר עפּעס אַנדערש איז דאָס, וואָס עס ווערט גערעדט אויף די זיצונגען פונעם נישט־געהיימען קאָמיטעט. היט אייך נישט אַריינצופאַלן“.

„אָ, וועגן דעם לויגט זיך נישט צו טראַכטן“, האָט ער דערויף געענטפערט לויט זיין אייביקן נוסח, „כל זמן מען קאָן, האַרף מען ווירקן אָפן און געהיים“...

עס זענען פאַריבער נאָך דריי יאָר. אין יאַנואר 1944 בין איך געפאָרן קיין ליאָן אין שליחות פון אייניקייט־קאָמיטעט אין פּאַריז. איך האָב געמאַכט די רייזע אינאיינעם מיט מיין פריינט פישער, וואָס האָט געדאַרפט זיין מיין וועג־ווייזער אין דער שטאָט, ווו איך האָב זיך לחלוטין נישט אויסגעקענט. ביים אַראָפּגיין פון באַן־הויף זאָגט מיר פישער:

„איצט וועלן מיר זיך באַגעגענען מיט אונזערע פריינט גלעזער און גרינבערג, זיי האָבן היינט טאַקע געזאָלט צוריקקומען פון אַ רייזע און וועלן אונז אָפּוואַרטן“.

אַריבערגייענדיק איבער עפּעס אַ בריק, האָבן מיר גלייך אָנגעטראָפן גלעזערן מיט גרינבערגן, וואָס האָבן מיט אויסערלעכער רואיקייט אַרומגעשפּאַצירט ביים אָפּגעלעגנען נישט באַלעבטן ברעג פון טייך. זיי זענען ביידע געווען זייער גערירט פון אונזער באַגעגעניש.

„מיר פאָרן נאָך היינט קיין וווּאַראָן, האָט גרינבערג געזאָגט. אונזערע פריינט פונעם „אָרט“ וואַרטן אויף אייך“.

„מיר קומען מאָרגן צוריק און איך בעט אייך דעם מאָרגנדיקן אָוונט רעזערווירן פאַר מיר“, האָט גלעזער צוגעגעבן, „מיר וועלן צוזאַמען עסן נאַכטמאָל און דערביי האָבן די געלעגנהייט זיך אַביסל אַדורכצושמועסן“.

אויפן צווייטן טאָג אין אָוונט האָב איך טאַקע פאַרבראַכט ביי דער פאַמיליע גלעזער. פרוי גלעזער האָט זיך פאַר מיר באַקלאָגט, וואָס איר מאַן,

אַלס גענעראַל־סעקרעטאַר פונעם איינהייט־קאָמיטעט אין פראַנקרייך, קומט אָפט אויס ארומצופאָרן.

„הערט, גלעזער, מיט אייער אויסזען (ער האָט געהאַט אַ טיפּיש יידישן אויסזען) דאַרף מען זיין אַ ביסל פאָרזיכטיקער, דערקענען אין אייך אַ יידן איז זיכער נישט פון די שווערע זאַכן".

„לוינט זיך דען וועגן דעם צו טראַכטן! אַז ריזיקע, נישט שטעלנדיק זיך אין סכנה קאָן אין אונזערע טעג קיין שום זאַך נישט געטאָן ווערן", איז געווען גלעזערס פּראָמפּטער ענטפער.

גלעזער האָט זיך טאַקע נישט אָפּגעשטעלט פאַר קיין שום סכנה, ביז די דייטשע קוילן האָבן אויף אייביק אָפּגעשטעלט זיין האַרץ, וואָס איז צו יעדן מאָמענט געווען גרייט אויף קרבנות און אָבנעגאַציע.

אַנדערע וועלן דאָ באַלויכטן די פאַרשיידענע געביטן פון זיין טעטיקייט. איך האָב בלויז געוואָלט געפינען אין גלעזערן יענעם שטריך, וואָס איז געווען דורכאויס כאַראַקטעריסטיש פאַר אים, פאַר זיין גאַנצן לעבנס־גאַנג, פאַר אַלע זיינע מעשים, זענען מיר געקומען אויפן זכרון די אויבנגעבראַכטע עפּי־זאָדן. ווען גלעזער האָט געפילט אַז „אַזוי דאַרף מען", האָט ער נישט געוואָלט טראַכטן וועגן דעם, וואָס עס קאָן פּאַסירן, ער האָט נישט געוואָלט נאָכקלערן וועגן דער מעגלעכער סכנה און נאָך ווייניקער וועגן דעם, צי עס לוינט זיך; ער איז נישט געווען קיין קאַנטיאַנער, ער האָט אָבער שטענדיק געטראָגן אין האַרצן אַ מאָראַלישן אימפּעראַטיוו, וואָס האָט געלעגט אַ חותם אויף אַלץ, וואָס ער האָט געטאָן; אין דער פראַזע „וועגן דעם לוינט זיך נישט צו טראַכטן" האָט זיך אָפּגעשפּיגלט זיין גאַנצע נשמה און דער קלסתר פּנים פון אַ געזעלשאַפטלעכן טוער, וואָס איז צו יעדן מאָמענט גרייט אויף קרבנות.

זאָלן די שורות דינען אַלס אַ באַשיידן בלימל אין קראַנץ, וואָס גלעזערס פריינט און פאַרערער לעגן מיט אַזוי פיל ליבע און יראת הכבוד אויף זיין פריציייטיקן קבר.

**א. אַלפּערין**

# ל. גלעזער, דער סעקרעטאַר פונעם אַלג. יידישן פאַרטיידיקונגס-קאָמיטעט

איך האָב נישט געקענט גלעזערן בעת ער איז געווען מיטגליד פונם קאָאָרדיניר-קאָמיטעט. מיין צוזאַמענאַרבעט מיט אים הייבט זיך אָן פון מאָמענט בעת דער קאָאָרדיניר-קאָמיטעט איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אינעם אַלגעמיינעם פאַרטיידיקונגס-קאָמיטעט. אויף דער פראַגע, וואָס מען פלעגט דאָן אָפט הערן: — ווער איז אין קאָאָרדיניר-קאָמיטעט געווען דער הויפּט-בויער פון דער איינהייט, איז דער ענטפער תמיד געווען אַ קאַטעגאָרישער: — לעאָ גלעזער.*

און זאָל דאָס געזאָגט ווערן צו זיין גרעסטן שבח: ל. גלעזער האָט געקוקט אויף די נויטן פונעם יידישן לעבן נישט נאָר מיט אַ סך ערנסטקייט, נאָר דער עיקר מיט פיל מוט, אָן קליינלעך-פּאַרטייאישער, ענגער, קליין-קליינלדיקער אויסגערעכנטקייט. איז ער טאַקע דערפאַר געווען איינער פון די ערשטע, וואָס האָבן רעכטצייטיק פאַרשטאַנען, אַז אין אָנבליק פון דער טויט-סכנה, וואָס דער היטלעריזם האָט פאַרהאַנגען איבערן קאָפּ פון אַלע יידן אין פראַנקרייך און פון פראַנקרייך גופא — איז איינער פון די עיקרדיקע באַדינגונגען פאַרן ווידערשטאַנד און פאַרטיידיקונג — אַן איינהייט פון אַלע יידישע אָרגאַניזאַציעס און פּאַרטייען.

און גלעזער איז געוואָרן איינער פון די ערשטע בויער, דער ענערגישסטער פון דער איינהייט; פון ערשטן מאָמענט פון איר שאַפונג איז גלעזער אומרהועמידלעך געשטאַנען אויף דער וואַך פון דער איינהייט און געווירקט זי זאָל נישט אָפּגעשוואַכט ווערן. אין דעם פּרט איז אונזער אומגעקומענער פריינט נישט געבליבן אָן באַשעפטיקונג, ווייל נישט איין פּרוו איז געמאַכט געוואָרן מצד פאַרשיידענע פּערזאָנען, אַז די צושטאַנדגעקומענע איינהייט זאָל — אָדער ליקווידירט, אָדער אָפּגעשוואַכט ווערן.

ל. גלעזער האָט אויך געצילט, אַז די איינהייט זאָל נישט פאַרבלייבן אַ פּוסטע פאָרמול, אָן ווירקונג; ער האָט זיך אויפריכטיק געפרייט יעדעס מאָל ווען עס פלעגט זיך איינגעבן דאָס הערשיינען פון אַ געמיינזאַם רעדאַגיר-

טער ציימונג אָדער אויפרוף, נישט בלויז דערפאַר ווייל עס האָט געפעלט דעם ווידערשטאַנד, געשטאַרקט דעם מוט און די האָפנונג, נאָר אויך דערפאַר, וואָס איז פּראָצעס פון צוזאַמענאַרבעט פון מענטשן, וואָס האָבן פאַרטרעטן פאַרשיידענע צדדים, האָט זיך געמוזט שטאַרקן צווישן זיי דאָס ענגערע נאָענט־ווערן, ווייל די געמיינזאַמע אָנשטרענגונגען פלעגן ביז גאָר שטייגערן די ענערגיע און אונטערנעמונגס־קראַפט פון אַלע קאָמיטעט־מיטגלידער, פון די קאָמיטעט־קאָמיסיעס און נישט צולעצט אויך ביי די יידישע מאַסן.

ל. גלעזער איז געווען אַן אָנהענגער פון איינהייטלעכער, געאייניקטער אָנשטרענגונג נישט בלויז פאַרן מאָמענט, ווען די טויט־סכנה האָט איבערן קאָפּ. איינהייט פון אַלע דעמאָקראַטישע יידישע עלעמענטן איז פאַר גלעזערן געווען דאָס פּערמאַנענטע געבאָט פונעם יידישן לעבן. די אויפפאַסונג פון איינהייט נישט נאָר ווי אַ פאַקטאָר פון פאַרטיידיקונג, נאָר אויך ווי אַ פאַקטאָר פון בויען, האָט ל. גלעזער באַשיינפערלעך מאַניפעסטירט שוין בשעת דער אָרגאַניזיר־אַרבעט פונעם אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס און שפּעטער — פונעם „איקוף“.

די טעטיקייט־באַדינגונגען פונעם אַלגעמיינעם פאַרטיידיקונגס־קאָמיטעט זיינען געווען ביז גאָר שווערע. די נאַציישע אויסראָטונגס־פּאָליטיק לגבי דער יידישער באַפעלקערונג איז געווען אין פולן גאַנג. שוין דאָס בלויזע צוזאַמענקומען זיך פון מענטשן, וואָס האָבן געהערט צו פאַרשיידענע ריכטונגען, נישט אַלע אויסגעשולט און דורכגעדרונגען מיט דער זעלבער מאָס פון דיסציפּלין, פאָרזיכטיקייט, קאָנספּיראַציע, איז געווען געפערלעך. גלעזער איז אַלע מאָל געווען אויף זיין פּאָסטן, די גרעסטע שוועריקייטן האָבן אים קיינמאָל נישט אָפּגעהאַלטן; איינער פון די עלטסטע צווישן אונז, האָט ער אָן ספק געשלאָגן דעם רעקאָרד פון דער גרויסער צאָל רייזעס איבער די פאַרשיידענע אָרטיקע קאָמיטעטן פונעם אַלגעמיינעם פאַרטיידיקונגס־קאָמיטעט. יעדע דערגרייכונג האָט אים אָנגערעגט צו אַ נייער איניציאַטיוו. אַ ניי־אָפּגעדרוקט פלוג־בלעטל, אַ ניי־געשאַפענער קאָמיטעט, דאָס באַזאָרגן פאַלשע פּאַפּירן, שפּייז־קאַרטן, דאָס רעאַליזירן פון אַ נייער געלט־סומע — דאָס אַלץ האָט אים פאַרשאַפט עכטע פרייד און אים אָנגעפולט מיט אַן אַרט שטאָלץ. דער „קריף“ — די ברייטערע איינהייט צווישן די איינגעוואַנדערטע און אַלטגעזעסענע יידן איז אין אַ גרויסער מאָס זיין אויפטו.

ענדע 1943 האָט גלעזער געמוזט אַדורכמאַכן אַ מעדיצינישע אָפּעראַציע. שווער צו זאָגן פון וואָס ער האָט מער געליטן: פון זיין קרענק, פון דער

אָפּעראַציע צי פון דער אומעגלעכקייט אַנטייל צו נעמען אַ געוויסע צייט אין דער אַרבעט; אַ צוגעשמידטער צום קראַנקן-בעט, פלעגט ער מיט פאַרוואָרף פאָדערן, אַז מען זאָל אים עפּעטער האַלטן אין קורס פון דער אַרבעט. מיט וואָס פאַר אַן אומגעדולד, פול מיט נייעם אינטערעס, מיט נייע דרייסטע פּלענער האָט ער געוואַרט אויף דער שעה, ווען ער וועט אויפסניי קאָנען אויפנעמען די אַרבעט און ער האָט עס געטאָן פריער עפשר, ווי ער האָט עס געמעגט טאָן.

זיין קוראַזש האָט געדינט אַלס ביישפּיל פאַר אַלעמען. דאָס איז נישט געווען דער בלינדער קוראַזש, דערמעגלעכט דורך דעם, וואָס מען איז זיך נישט באַוווסט פון דער סכנה. גלעזער האָט געהאַט אָפענע אויגן. זיין גרייטקייט זיך מקריב צו זיין, זיין איבערגעגעבנקייט זענען אָבער געווען קאָמפּלעט, אָן קאָמפּראָמיסן.

זיין קוראַזש האָט גלעזערן נישט געשטערט צו זיין פּאַרזיכטיק, נישט אָבער אויף אַזוי פיל, כדי אויסצומיידן די געפאַר, וואָס האָט כסדר געלויערט אויף אונז און וואָס האָט אים ענדלעך נישט אויסגעמיטן. ל. גלעזער איז געווען אַ מענטש פון פליכט, אַלעמאָל גרייט אויסצופילן זיין חוב בנוגע דעם כלל, דער אָרגאַניזאַציע, ווי אויך בנוגע דעם יחיד.

ס'איז אונז אויסגעקומען צו זען גלעזערן אַ שעה פאַר דעם, ווי ער איז אַרעסטירט געוואָרן דורך די פראַנצויזישע הענקער פון דער געסטאַפּאָ־פעטענס מיליציאָנערן. מיר האָבן אים אָפּגערעדט צו נעמען דעם טאָג די באַן, דער מאָמענט איז געווען אַ געפערלעכער: פיליפ האַנריאָ, דער פּראָפּאַגאַנדיסט פון די פראַנצויזישע פאַשיסטישע באַנדעס האָט אין יענעם טאָג באַצאָלט מיט זיין לעבן פאַר די באַגאַנגענע פאַרברעכנס, און אַרעסטן זענען פאָרגעקומען אויף יעדן שריט און טריט. דאָס געיעג אויף יידן — שטאַרקער ווי אַלעמאָל. גלעזער האָט אָבער געהאַלטן פאַר זיין פליכט צו פאָרן, ווייל ער האָט צוגעזאָגט צו קומען.

צו דער באַשטימטער נאָענטער זיצונג פונעם אַלגעמיינעם פּאַרטיי־קונגס-קאָמיטעט איז גלעזער נישט געקומען. מיר האָבן מורא געהאַט אַרויסצוזאָגן אויפן קול, דאָס וואָס יעדער איינער פון אונז האָט געטראַכט "אויב גלעזער איז נישט געקומען צו אַ זיצונג, און האָט נאָך נישט צוזויסן געגעבן, איז אַ סימן, אַז עפּעס איז מיט אים געשען".

מיט אַ קורצער צייט שפּעטער האָבן מיר שוין געוווסט, אַז לעאָ גלעזער לעבט נישט מער. נאָך אַ קרבן פונעם בלוטיקן נאַציזם, אַ קרבן פון גאָר אַ באַזונדערן ווערט פאַר זיי, פאַר די טרעגער פון באַרבאַריי, ווי פאַר אונז.

א געזעלשאַפטלעכער טוער פון אומדערמידלעכער ענערגיע, אַ מענטש מיט אַ הויכער קולטור און אויפריכטיקער אָנהענגער און בויער פון דער איינ-הייט, אַ טרייער דעמאָקראַט, אַ מענטש פון אַ הויכער אינטעלעקטועלער ערלעכקייט איז אַרויסגעריסן געוואָרן פון אונזערע רייען, וואָס זענען מיט זיין פאַרלוסט פון אונזער פריינט גלעזער נישט נאָר פאַרמינערט, נאָר שטאַרק פאַריתומט געוואָרן.

גלעזערס ביישפּיל קאָן און וועט אינספּירירן מער ווי איינעם פאַרן קאָנסעקווענטן און אומברחמנותדיקן קאַמף קעגן אַלץ, וואָס איז רעאַקציע און אַזוי אַרום פאַרפולן דעם גרויסן בלויז, וואָס עס האָט איבערגעלאָזט אין עם יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן אין פראַנקרייך די אבידה פון אונזער ל. גלעזער.

ב. אַדאַמיטש.

# גלעזער פון יענע יארן
## (זכרונות פון דער אונטערערדישער באוועגונג)

איך געדענק שוין מער נישט וועגן וואס עס האט זיך דאן געקאנט האנדלען אויף דער זיצונג פון צענטראלן יידישן פארטייריקונגס־קאמיטעט. איך געדנקט נישט, ווייל די גאנצע צייט איז מיין אויפמערק געווען צוגע־שמידט צו דער טיר. נישט שוין־זשע, וועט ער טאקע היינט מער נישט קומען ? ווי איז עס מעגלעך, אז דער שטענדיק פינקטלעכער גלעזער זאל פארפעלן א וויכטיקע זיצונג ? עפעס האט מיט אים געמוזט טרעפן . . . און ווען עס האט זיך געענדיקט די זיצונג און ער איז טאקע נישט געקומען, נישט געלאזט הערן, האט שוין מער ביי קיינעם פון אונז נישט געקאנט זיין קיין צווייפל : עפעס איז געשען מיט פריינט גלעזער . . . און דער „עפעס" איז געווען דאס, פאר וואס מיר אלע האבן זיך געשראקן. דאס איז געווען דעפארטאציע, דאס איז געווען דער טויט, ווייל צו יענער צייט האבן די היטלעריסטן און זייערע משרתים, זיך שוין מער נישט „געשפילט" מיט ארעסטירן און דעפארטירן. זיי האבן איינפאך דערשאסן, דערמארדעט, נאר ווער ווייסט נאך וואס פארא פייניקונגען? און עס האט טאקע לאנג נית גע־נומען ביז מיר האבן זיך דערוווסט דעם גאנצן אמת : גלעזער איז אריינ־געפאלן אין די הענט פון דער מיליץ, פונקט אין דעם טאג, ווען עס איז דערהרגעט געווארן דער פארעטער האנריא. די מיליץ האט אים פארשלעפט און צוזאמען מיט אנדערע יידן דערשאסן הינטער ליאן.

טראכט איך איצט, צוויי יאר נאך זיין טויט איבער דעם, וואס עס איז פאר אונז געווען גלעזער. איך האב אים שוין געקענט א שטיק־צייט פאר דער מלחמה. איך האב שוין דאן געהאט די געלעגנהייט צו באוואונדערן זיין שטענדיקע ליבלעכקייט, זיין פריינטשאפט, זיין קולטור און גרייטקייט אלץ צו טאן און צו אפפערן פאר דער געזעלשאפטלעכער זאך. עס איז אבער נויטיק געווען עס זאל קומען די מלחמה, די דייטשע אקופאציע, דער הע־ראאישער פעריאד פון דער אונטערערדישער ארבעט, פון דער גרויסער הילף־ און רעטונגס־טעטיקייט, כדי ער זאל זיך אנטפלעקן אין זיין אמתער גרויס.

מיר האָבן אים דאָ דערזען אין זיין אמתן ליכט. ער האָט זיך דערהויבן צו אַ טראַגישער הויך און ער איז אונז נאָך טייערער און ליבער געוואָרן.

*

איינער פֿון די וויכטיקסטע כאַראַקטער-שטריכן פֿון אונזער אומגעקומענעם פֿריינט, וואָס איך האָב דאָ, אין יענע יאָרן גענויער קענען געלערנט, איז געווען זיין אומשרעקעוודיקייט. די דאָזיקע אומשרעקעוודיקייט איז ביי אים געווען אַ נאַטירלעכע זאַך. אָפֿטמאָל, האָט זיך מיר אפילו געדאַכט, אַז זי נעמט זיך, אפשר, דערפֿון, וואָס ער גיט זיך נישט אָפּ קיין דין-וחשבון פֿון די לויערנדיקע געפֿאַרן. אָבער, דאָס איז געווען אַ טעות. איך האָב מיך גאַנץ שנעל איבערצייגט, אַז גלעזער גיט זיך אָפּ אַ רעכענונג פֿון דעם, וואָס עס דערוואַרט יעדן איינעם פֿון אונז. ער האָט אָבער גובר געווען די שרעק. ער איז בטבע געווען אַן אָפּטימיסט. ער האָט געגלייבט אין מענטשן, אין זיין גבורה. ער איז זיכער געווען, אַז מען קאָן מיט אַ ביסל פּאַרטיזאַנקייט, מיט אַ ביסל קלוגשאַפֿט, מיט אַ שטאַרקן ווילן אויסמיידן די געפֿאַר. ער האָט מיר, נישט איינמאָל, אין פֿיל-צאָליקע שמועסן, ווען מיר האָבן איינער דעם צווייטן געבעטן צו זיין פּאָרזיכטיק, אַרויסגעזאָגט זיין טיפֿן גלויבן, אַז מען וועט אויסמיידן די געפֿאַר. אין אָט דער זיכערקייט דאַרף מען זוכן דעם שליסל פֿון זיין מוט ווי אויך — אין זיין גרענעצלאָזער ליבע צו דער פּשוטער יידישער מאַסע.

איך וועל קיינמאָל נישט פֿאַרגעסן יענע זיצונג פֿון צענטראַלן יידישן פּאַרטיידיקונגס-קאָמיטעט, ווען דער פּאָרזיצער, פֿריינט גרינבערג, האָט געמאָלדן, אַז מיר קאָנען זיך אַלע ראַטעווען אין דער שווייץ. מיר זענען דאָ געשטאַנען פֿאַר אַ שווערן נסיון. פֿון איין זייט — אַ מעגלעכקייט פֿון רואיק איבערצוּוואַרטן אין אַ שכנותדיק נייטראַל לאַנד דעם שטורעם, פֿון אָפּרוען די נערוון, פֿון דערלעבן אליין מיט די אייגענע אויגן צו זען די נייע און בעסערע וועלט (אַזוי האָבן מיר לכל הפּחות דאָ געחלומט, אַז זי וועט זיין !) און פֿון דער צווייטער זייט : דאָס ווייטערדיקע לעבן אונטער דער דייטשער אָקופּאַציע, אין שטענדיקער שרעק, אַז יעדער זיכערקייט, אַז מען וועט דערלעבן די גליקלעכע שעה פֿון דער באַפֿרייונג, מיט דער גרויזאַמער פּערספּעקטיוו פֿון אַ מעגלעכער דעפּאָרטאַציע, פֿאַרפּלאָמבירטע וואַגאָנען, גאַז-קאַמערן און טויט. איז עס טאַקע

געווען אַ שווערער נסיון. גלעזער האָט אָבער אויף קיין איין מינוט זיך נישט געוואַקלט. ער האָט אויסגעקליבן דעם שווערן און געפערלעכן וועג, דעם וועג, וואָס האָט אים פאַטאַל געפירט צום טויט. ער האָט מיט זיינע אייגענע אויגן נישט דערלעבט צו זען די מפלה פון די מערדער און פאַרברעכער, פון היטלעריזם. און גרויס איז דעריבער דער ווייטיק און טיף דער פאַרדרוס. און עס מאַטערט נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל די אַלטע אייביקע פראַגע: „צדיק ורע לו . . .“ פאַרוואָס?

*

נישט געווען קיין שליחות פון צענטראַלן יידישן פאַרטיזאַנער-קאָמיטעט, וואָס גלעזער זאָל אויף זיך נישט נעמען. טאָמער האָט מען געדאַרפט פאָרן, האָט ער זיך אַליין פאָרגעלייגט. און פאָרן איז צו יענער צייט געווען פאַרבונדן מיט די גרעסטע סכנות. די געשטאַפּאָ האָט אומאויפהערלעך קאָנטראָלירט אויף די באַנען און געפרעגט אויף „פּאַפּירן“. ביים אַרויספאָרן האָט מען קיינמאָל נישט געקענט וויסן צי מען וועט צוריקקומען. גלעזער האָט גוט געקענט די דאָזיקע געפאַרן, ווי יעטוועדער איינער פון אונז. דאָס האָט אים אָבער נישט אָפּגעהאַלטן פון דערפילן זיין חוב, צו טאָן מ ע ר ווי עס איז געווען זיין פליכט.

גלעזער האָט נאָך יעדער רייזע אונז איבערגעגעבן מיט אַזוי פיל פשטות און פיינעם הומאָר די אַלע איינצלהייטן פון זיינע „אַוואַנטורעס“. און איך וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן די געשיכטע, וואָס עס האָט זיך מיט אים פאַרלאָפן בשעת זיין לעצטער רייזע קיין טולוז:

אָנגעקומען איז ער שפעט אין אָוונט קיין טולוז. די באַן האָט האָט פאַרשפּעטיקט אויף גאַנצע צוויי שעה, אים איז דעריבער נישט געבליבן קיין סך צייט אויף אויפצוזוכן זיינע פריינט, וואָס ביי זיי האָט ער געדאַרפט איבערנעכטיקן. ער קומט צום פאַרצייכנטען אַדרעס. ער קלאַפּט אָן אין טיר, קיינער ענטפערט נישט. ער קלאַפּט שטאַרקער, אין קול ואין עונה... וואָס טון? וועגן גיין אין אַ האָטעל האָט קיין רייד ניט געקאָנט זיין. עטלעכע מינוט אַרום טרעט צו די שעה, ווען עס איז פאַרבאָטן אַרויסצוגיין אויף דער גאַס („קוּוער-פעו“). עס איז זיך לייכט פאָרצושטעלן גלעזערס געמיט. ביינאַכט, אין אַ פרעמדער שטאָט, אָן אַ נאַכט-לעגער, אָן אַ מעגלעכקייט פון גיין אין האָטעל, אַליין אין דער פינצטערער און אומהיימלעכער גאַס, וואָס ליידיקט זיך שנעל אויס פון די לעצטע דורכגייער. און אין וועל-

כער עס וועלן באלד אפהילכן די טריט פון די דייטשע פאטרולן . . . גלעזערע פארבליבט אזוי א גאנצע נאכט אין א טויער פון א הויז. אין כסדרדיקער שרעק נישט צו ווערן אנטדעקט פון די פארבייציענדיקע דייטשע פאטרולן, קעמפנדיק כסדר מיטן שלאף און דער מידקייט.

אט די אויסטערלישע געשיכטע וואס איז זיך מיט אים פארלאפן אין טולוז האט אים נישט אפגעהאלטן פון מאכן וויטערדיקע רייזעס. נאך טולוז איז געקומען פעריגע, ווו ער איז אריינגעפאלן פונקט אין דעם טאג, ווען די „וולאסאווצעס" האבן זיך געלאזט ווילגיין . . . אין יענער וואך האבן די וולאסאווצעס דערמארדעט מער ווי הונדערט יידן אין דעפארטעמענט פון דער דארדאניע. גלעזער האט אבער געהאט גליק. עס איז אים געלונגען זיך ארויסצודרייען פון זייערע הענט און ער איז בשלום צוריקגעקומען קיין ליאן. און איך לעב פונסניי איבער דעם מאמענט, ווען ער באריכטעט אונז אויף דער זיצונג פון דעם צענטראלן יידישן פארטיידיקונגס-קאמיטעט וועגן די רעזולטאטן פון זיין רייזע, באגלייט, נאטירלעך, מיט אלע קאמישע אייגנצלהייטן און עפיזאדן, מיט וועלכע די דאזיקע רייזע איז געווען אנגעפיקעוועט. גלעזער האט שטענדיק געקאנט אנטדעקן די קאמישע זייטן אין די שווערסטע שליחותן און האט מיט דער פרייד פון א קליין קינד, וואס ס'איז אים געלונגען אפצונארן די עלטערן, זיי שפעטער דערציילט אין זיין ריינעם יידיש, אין א פיינער און הומאר-פולער שפראך.

*

מיר איז אויסגעקומען אין יענע יארן צו פארברענגען אפט גאנצע טעג מיט אים. ער האט תמיד אין די שמועסן מיט מיר זיך באמיט אפצווענדן מיין אויפמערק, בעסער געזאגט אונזער ביידנס אויפמערק, פון דער ביטערער און פינצטערער ווירקלעכקייט. אים איז עס לייכט אנגעקומען, ווייל ער איז געווען כמעט דער איינציקער, וואס האט נאך אין יענע יארן געלייענט ביכער. ביכער מכל המינים: שיינע ליטעראטור, מאנאגראפיעס, אריגינעל פראנצויזישע און איבערזעצונגען. שטענדיק, ווען ער איז געקומען האט ער מיט זיך געהאט א בוך. האט ער טאקע אין די שמועסן איבערגעגעבן וועגן די ניי-דערשינענע ביכער, וועגן דעם וואס עס הערט זיך אין דער ליטעראַרישער און קולטור-וועלט. פון אנהייב פלעג איך נישט גערן זיך לאזן „פאנטען" פון אזא שמועס. ווער האט עס א קאפ געהאט צו ליטעראטור? ווער האט דאן געקאנט אנגיין דער אדער יענער ראמאן, ווען אונזער לעבן אליין איז געווען איין לאנגער גרויסער ראמאן, ווען מיר האבן

יעטוויחן טאג איבערגעלעבט אזוי פיל טראגעדיעס, וואס אין פארגלייך מיט זיי האבן אלע געקינסטלטע ליטעראַרישע דראמעס און טראגעדיעס אויס־געזען ווי א נעבעכדיקע שפיל פון ווערטער? האב איך עס פון אנהייב אפגעזאגט. אגב, האט כסדר געמאטערט און געפייניקט די פראגע: וואס טויגן אט די אלע שיינע ליטעראטור־ און קונסט־ווערק, אז קיינער פון אונז וועט נישט דערלעבן די גליקלעכע שעה, ווען די געפייניקטע מענטשהייט און באזונדערס, אונזער ארעם יידיש פאלק, וועט קאנען פון אלע דעם געניסן? ביסלעכווייז איז אים אבער געלונגען גובר צו זיין מיינע ספקות, מיין פארביטערונג, מיין ווידערווילן. און, דאן פלעגן מיר ביידע, ווי צוויי יונגע גימנאזיסטן, זיך ארייגלאזן אין א לאנגען און אינ־טערעסאנטן שמועס איבער ביכער, איבער קונסט, טעאטער און וואס נישט? און אזוי ווי דורך א שפרונג, פלעגט פארשווינדן דער בייזער ארום. מיר פלעגן פארגעסן אין די דייטשן מיט זייער שלעכטס, אין די מחנות דעפארטירטע, וואס זענען דאן געשלעפט געווארן צו די גאז־קאמערן און קרעמאטאריעס, אין אונזער אייגענער ביטערער לאגע, אין דער שטענ־דיקער שרעק, וואס פלעגט אזוי פייניקע און נאגן, אין פארצווייפלטע קינ־דערשע פנימלעך, וואס ווערן ארויסגעריסן פון זייער מוטערס הענט. מיר זענען צוריק געווען פרייע און קולטורעלע מענטשן. מיר האבן דערשפירט, אז מיר זענען פונסניי בירגער פון א שענערער און בעסערער וועלט. אונ־זערע נשמות האבן זיך דאן אריבערגעטראגן אין א גרויסן און שיינעם רוים. אונזערע ליידן האבן באקומען א זין און א ווערט. און, ווען מיר האבן נאך אזא לאנגען און אינטערעסאנטן שמועס זיך צוריקגעקערט צו דער ביטערער און גרויער ווירקלעכקייט, איז עפעס אזוי ווי לייכטער געווען צו שלעפן פונסניי דעם שווערן יאך. אזוי גרויס איז געווען דער צויבער פון באַ־העפטן זיך מיט דער ליטעראטור, אזוי שטארק איז געווען די ווירקונג פון די דאזיקע שמועסן, פון דעם אנטלויפן אין שענערן „עולם הדמיון".

גלעזער האט אין יענע שמועסן ארויסגעדריקט זיין גלויבן אין א שע־נערער און בעסערער וועלט. ער איז געווען, ווי געזאגט, א גרויסער אפטי־מיסט. אומזיסט, פלעג איך פרווון אין דער דיסקוסיע באַרירן די שווערי־קייטן, וואס דערווארטן די נאך־מלחמהדיקע וועלט. שוועריקייטן פאלי־טישע, מאראלישע, עקאנאמישע. ער האט פון דעם נישט געוואלט הערן. ער איז געווען איבערצייגט און זיכער, אז די מענטשהייט וועט פון דעם שווערן מבול ארויס א געלייטערטע און א בעסערע. ער האט דאן צו יענער צייט

נישט אנגהערט צו קיין שום סאציאליסטישער פארטיי. אפיציעל, נישט געווען אנגעשלאסן אין קיין פאליטישער ריכטונג. ער האט אבער גערעדט און געפילט ווי א סאציאליסט. ווי א סאציאליסט פון א בעסערן מין, פאר וועמען סאציאליזם איז נישט געווען בלויז א פאליטישע פארמול, נאר א גאנצער נוסח פון לעבן, א סכום פון נייע מאראלישע ווערטן, פון א נייעם און בעסערן מענטשן.

*

אריינגעפאלן איז ער ענדע יוני 1944. די אלירטע ארמייען האבן שוין דאן געלאנדעט אויף די ברעגעס פון צפון־פראנקרייך. די דייטשע סאלדאטן האבן נאך געפרוווט זיי שטעלן א פארצווייפלטן און פארביטערטן ווידער־שטאנד. און הגם, ענדע יוני 1944 האבן נאך די אלירטע ארמייען נישט גע־שפירט, אז עס דערנענטערט זיך די לעצטע שעה. מיר האבן אבער שפירט, אז עס דערנענטערט זיך די לעצטע שעה. מיר האבן, אבער, געוווסט, אז די דאזיקע לעצטע שעה וועט פאר אונז זיין די שווערסטע. עס זענען דאן פארעפנטלעכט געווארן דורך דער אונטערערדישער באוועגונג די געהיימע דייטשע פלענער וועגן פארשלעפן אלע מענער, וועגן חרוב מאכן דאס לאנד, וועגן מאכן אזוי, אז קיינער זאל נישט קאנען זיך פרייען מיטן זיג. נאר באזונדערס, זענען מיר יידן געווען אומרואיק. עס איז שווער געווען זיך פארצושטעלן ווי אזוי מיר וועלן אויסהאלטן און איבערלעבן. אבער, טראץ אלץ דעם זענען מיר געווען פול מיט האפענונג און מיט גלויבן. עס האט זיך אנגעהויבן, — האט יעטוועדער איינער פון אונז געטראכט. עס נעמט א סוף צום לאנגען ווארטן און ווער ווייסט? אפשר, וועלן מיר אויך האבן די זכיה מיט די אייגענע אויגן צו דערלעבן די שעה פון דער גאולה ? . . .

איז ער אריינגעפאלן אין זייערע הענט אין אזא יוני־טאג פון 1944. האט די יוני־זון ווי שטענדיק געשיינט און די ביימער פון דעם וועלדל, אין וועלכן מען האט אים פארשלעפט צו דערמארדן, האבן אויסגעזען אזוי שיין . . .

איז מיר שווער און פיינלעך זיך פארצושטעלן גלעזערן אין די דאזיקע מינוטן פון טויט, אן אומעכטיקן אין די הענט פון סאדיסטישן שונא. זיכער האבן די געשטאלטן פון זיין הייס־געליבטער פאמיליע, פון זיינע פריינט, די וויזיע פון א שענערער און בעסערער וועלט אים באגלייט אין די לעצטע

אויגנבליקן און אים געשטארקט אין אט דער שווערער מינוט פון לעצטן און גרויזאמסטן נסיון.

און מיר, זיינע פארבליבענע פריינט ? מיר האבן די פויסטן נאך פעסטער געבײַלט און די ציין ביז ווייטאק פארביסן. מיר האבן שטום אין אונזער געדאנק זיך מיט אים געזעגנט. מיר האבן א שבועה געגעבן ווייטער פארזעצן די ארבעט, וואס מיר האבן אנגעהויבן אין יענע שווערע יארן מיט זיין באטייליקונג און וואס געהערט שוין איצט צו דער געשיכטע. מיר וועלן שטענדיק מיט זיך טראגן די געשטאלט פון טראגיש־אומגעקומענעם פריינט. מיר וועלן פארן יונגען אויסוואקסנדיקן דור דערציילן וועגן גלעזערן און די מארטירער פון יענע יארן און וועלן אין זייער ביישפיל שעפן האפנונג און מוט אויף די ווייטערדיקע און שווערע קאמפן.

אוודאי, וואלט בעסער געווען, ווען מען וואלט געקאנט איצט זיך אי־בערבויגן, איבער זיין קבר אין שטיל מורמלען צו אים: „שלאף רואיק, טייערער פריינט ! די אידייען פאר וועלכע דו האסט געקעמפט און דיין לעבן געאפפערט זענען פארווירקלעכט“. איז אבער נאך ניט מעגלעך דאס צו זאגן אין דעם איצטיקן מאמענט. נאך איז די וועלט אינגאנצן נישט אויסגעהיילט פון איר שגעון. אבער פונקט ווי ער, גלעזער, וואס איז געווען א שטענדיקער אפטימיסט, האבן מיר ווייטער הער גלויבן, אז קומען וועט „די אויסגעבענקטע שעה“, ד. ה. די בעסערע און שענערע וועלט, וואס וועגן איר האט ער געחלומט און אין וועלכער ער האט אזוי שטארק געגלויבט.

פ. שראגער

# דער בעל מידות

צווישן די ערשטע באַקאַנטשאַפֿטן, וואָס איך האָב געמאַכט ווען איך בין אָנהייב 1920 געקומען קיין פּאַריז, איז געווען לעאָ גלעזער. ביסלעכווייז האָט זיך די באַקאַנטשאַפֿט פֿאַרוואַנדלט אין אַן אינטימער פֿרײַנטשאַפֿט, וואָס האָט געדויערט ביז סעפּטעמבער 1942, ווען אונדזערע וועגן האָבן זיך צעשיידט. מײַנער האָט געפֿירט צו די רואיקע ברעגעס פֿון לאַ פּלאַטאַ זײַנער — צום מאַרטירער־סוף.

ס'איז געווען אַ פּאָר מאָל זיך צו טרעפֿן מיט לעאָ גלעזער און מיט אים צו רעדן, כדי מען זאָל באַקומען דעם אײַנדרוק וועגן זײַן פּערזענלעכקייט, וואָס וועט שוין פֿאַרבלייבן אויף שטענדיק. אַזוי דורכזיכטיק־לויטער איז געווען זײַן כאַראַקטער. אָפֿנהאַרציק, אָן קיין שום הינטער־געדאַנקען איז געווען דער מענטש. אויפֿריכטיק מיט זיך אַליין און מיט זײַנע מיטמענטשן, איז אים יעדע פּאָזע געווען ניט בלויז פֿרעמד, נאָר אויך דערווידער.

לעאָ גלעזער איז געווען אַ בעל מידות אין דאָפּלטן זין, וואָס דאָס וואָרט מידה האָט אין אונדזער שפּראַך־געברויך. אַ גוטער בטבע, גרייט זיך אָפּצוזאָגן פֿאַר אַ פֿרײַנט און פֿאַר אַ כלל־אינטערעס פֿון זײַן אייגענעם מינימום. אָבער גלייכצײַטיק איז ער אויך געווען דער מענטש פֿון מידה, פֿון מאָס, אָן גוזמאות אין געדאַנק, אין וואָרט און אין מעשים. גויים וואָלטן, און האָבן, אים כאַראַקטעריזירט ווי אַ „דזשענטלמען". ער איז אָבער געווען אַ סך מער און אַ סך טיפֿער. ניט גלאַט פֿײַנע מאַניערן האָט ער געהאַט. וואָס אים האָט אויסגעצייכנט, איז געווען ניט אויסערלעכער טאַקט. זײַן חוש גופֿא פֿאַר טאַקט איז געווען אַ רעפֿלעקס פֿון אַן אינער־ווייניקסטן, נשמהדיקן מאָס־געפֿיל.

דערפֿון נעמט זיך, וואָס ער איז געווען אַ רודף שלום, הן אין פּריוואַטן, סיי אין כללישן לעבן. ער האָט בטבע ניט געקאָנט סובל זײַן רייסענישן צווישן יידישע אָרגאַניזאַציעס און ניט געהאַלטן פֿון די הייליקע מחלוקותן לשם שמים. רואיק אויסגעהערט צעררייצטע דרשות אויף יידישע זיצונגען, על פּי רוב, ווי עס פֿירט זיך ביי אונדז, ניט פּאָר עפּעס און

פאַר עמיצן, נאָר מער קעגן עפּעס און קעגן עמיצן, פלעגט ער קומען מיט זיין אויפריכטיק און שטיל וואָרט, וואָס האָט געקלונגען ווי אַ מין תפילה בלחש. וואָרום פול מיט פאַרטרויען און מיט ליבע איז געווען דער דאָזיקער מזג טוב, ליבע צום מענטשן בכלל און אהבת ישראל בפרט און באַזונדערס.

זיין איינגעבוירן מאָס-געפיל האָט אים געמאַכט פאַרן עסטעט, פאַרן ליבהאָבער און מבין פון ליטעראַטור און קונסט. אויך זיין ליבע צו פראַנקרייך און צו איר קולטור, אַן אויפריכטיקע און אַן פניותדיקע, הגם ער האָט וועגן איר קיינמאָל ניט געמאַכט קיין קולי קולות, ווי עס טוען אונדזערע פריש געבאַקענע פאַטריאָטן, זיין פאַרליבטקייט אין פאַריז, וואָס ער האָט אַזוי גוט געוווסט דעם סוד פון איר חן, האָט אויך אַרויסגעשטאַמט פון אַ געוויסער קרובהשאַפט פון זיין פערזענלעכקייט, פון זיין איידעלן חוש פאַר מאָס, מיטן פראַנצויזישן נאַציאָנאַלן זשעני, אַליין אַ מוסטער פון מאָס און צימצום.

אַ באַוווסטער מאמר חז"ל זאָגט: „אין בן דוד בא עד שיהיו כל המידות שוות" — משיח וועט ערשט דעמאָלט קומען, ווען אַלע מאָסן וועלן זיין גלייך, דאָס מיינט, ווען מענטשן וועלן זיין ערלעך און וועלן ניט גע-ברויכן קיין פאַלשע מאָס און וואָג. טראַכטנדיק וועגן לעאָ גלעזער, ווילט זיך מיר אין דעם דאָזיקן מאמר אַריינטייטשן אַ פאַרברייטערטן טייטש. ניט בלויז דאַרפן זיין ריכטיקע די מאָס און וואָג אויף צו מעסטן און צו וועגן חפצים. מען טאָר אויך נישט זינדיקן מיט אַ פאַלשער גייסטיקער וואָג, ניט „איבערכאַפּן די מאָס". ווי אַנדערש, ווי שענער וואָלט אויסגעזען אונדזער יידיש געזעלשאַפטלעך לעבן, וויפיל מער האַרמאָניע און שלום וואָלטן דאָרט געהערשט, ווען מיר וואָלטן געווען פונקט אַזוי פּאַרזיכטיק אין אונדזערע מיינונגען און שאַצונגען, אַקוראַט אַזוי אָפּגעהיט ביים אַרויס-טראָגן אַ פסק וועגן יחידים און קאָלעקטיוון, ווי ס'איז געווען לעאָ גלעזער ע"ה.

בשעת מען קוקט זיך צו צו אונדזער דורכשניטלעכן מאָדערנעם יידן, מיט דער אויסגעלייזדיסטער נשמה, וואָס בוקט זיך נאָר פאַרן אָפּגאָט פון ווילטאָג און רייכקייט, וואָס יעדע אויסגעבאָרגטע געטשקע איז אים אַנ-געלעגנטער און בילכער פאַר זיין אייגענעם גאָט, דעם גאָט פון אברהם, פון יצחק און פון יעקב, ווערט קאַלעמוטנע אויפן האַרצן, ניט שוין זשע איז אונדזער דור טאַקע דער דור שכלו חייב? איז אַ טרייסט און אַ באַלזאַם פאַר אַ פאַרוווּנדעטער יידישער נשמה צו זען, אַז לא אלמן ישראל. אמת דאָס רוב פון אונדזער פאָלק איז מיד געוואָרן צו טראָגן דעם יאָך פון מלכות

השמים. ניטאָ די גייסטיקע גבורה פון אמאָליקע יידישע דורות. אָבער די פּאַסיקייט פאַר אַ העראָאישער עקזיסטענץ האָט זיך נאָך אָפּגעהיט צווישן אונדז, אויב מיר האָבן נאָך געקאָנט אַרויסברענגען אין דער לעצטער און פינצטערסטער יידישער תקופה אַ נייעם טיפּ פון יידישע העלדן ווי לעאָ גלעזער און די אַלע גלייך צו אים, וואָס הגם זיי האָבן געהאַט די ברירה זיך צו ראַטעווען, האָבן זיי מיטן איינענעם ווילן אויסגעקליבן דעם וועג פון יידישע קדושים וטהורים פון אַמאָליקע דורות.

האָט אַזוי קלערט זיך מיר, אַז איך דערמאָן זיך אין מיין טראַגיש אומגעקומענעם פריינט לעאָ גלעזער. זאָל געבענטשט זיין זיין אָנדענק און תנצב"ה.

**י. עפּרויקין**

# מיינע באגעגענישן מיט ל. גלעזער

גלעזערן האב איך געקענט כמעט א פערטל יאָרהונדערט. אונזערע באַגעגענישן זענען געווען ספּאָראַדיש, אַמאָל אָפט, אַמאָל אָבער ערשט נאָך לאַנגע חדשים אָדער אויך יאָרן. אָבער יעדעס מאָל האָבן איך אוועקגעטראָגן פון דער באַגעגענישט מיט אים דעם זעלבן איינדרוק, ווי נאָך דער ערשטער באַקאַנטשאַפט און נאָכן ערשטן געשפּרעך. צייטן האָבן זיך געענדערט, יאָרן זענען צוגעקומען, אָבער גלעזער איז אַלעמאָל, ווי ס׳האָט מיר געשיינט, געבליבן דער זעלבער. די אַרומיקע געשעענישן האָבן נישט געהאַט קיין שליטה אויף זיין אינעוויינִיקסטן מהות.

מיר האָבן זיך דאָס ערשטע מאָל געטראָפן אין יאָר 1922 אין דער ווייטער ליטע. יעדן טאָג פלעגן צו יענער צייט אָנקומען עשעלאָנעס מיט רעפּאַטריאירטע יידישע פּליטים. מיר זענען געגאַנגען אַראָפּנעמען זיי פון באַן און זיך געטיילט מיט די מחשבות וועגן דער מעגלעכקייט צו שאַפן פון אָט דער אונטערדריקטער, צעשטויבטער מאַסע אַ געזונטן, אָרגאַניזירטן קאָלעקטיוו.

פּאַראַלעל מיט די פּליטים־טראַנספּאָרטן זענען אויפגעקומען אויפסניי די יידישע קהלות און דאָס יידישע געזעלשאַפטלעכע לעבן האָט אָנגעהויבן צו באַקומען אָרגאַניזירטע פאָרמען. די מענטשן, אויסגעמאַטערטע פון די לאַנגע וואָגלענישן, האָבן זיך בהדרגה צוריקגעקערט צום פריערדיקן שטייגער און זיך ווידער אַמאָל געפילט אין דער היים. ס׳האָט ממש איבערראַשט, ווי גיך אָט די נאָר וואָס פון די „טעפּלושקעס” אַרויסגעקומענע מענטשן, האָבן באַקומען דאָס געפיל, אַז יעדער פון זיי איז אַ גליד פון אַ באַשטימטן קיבוץ, פון אַ קיבוץ, וואָס נישט נויט און רדיפות שמידן אים צוזאַמען, נאָר דער פעסטער ווילן צום ווידעראויפבוי.

ארום און אַרום האָט נאָך געהערשט א שרעקלעכער דלות, אָבער די אָרעמקייט און דחקות זענען געווען באַשיינט פונעם גלויבן אין אַ נייַ און בעסער לעבן. אינעם יידישן מיניסטעריום און אין יידישן נאַציאָנאַל־ראַט האָבן אַלע געזען נישט נאָר אַ גאַראַנטיע פאַר פאָרמעלער גלייכבאַרעכטיקונג, נאָר אויך אַ מעגלעכקייט צו בויען דאָס יידישע לעבן אויף די יסודות פון אַ פרייער, אויטאָנאָמער נאַציאָנאַלער מינדערהייט.

גלעזער איז צו יענער צייט געקומען קיין ליטע מיט א שליחות צו ארגא־ניזירן די שנעלע הילף. די געוואלטיקע ארעמקייט פון די פאלקס - מאסן, וואס ער האט דארט דערזען, די הונדערטער יידישע קינדער אן שום השגחה, דאס אלץ האט אים טיף גערירט. ער האט געוואלט וואס גיכער, תיכף, דורך שנע־לער הילף, פארענטפערן אט די אלע אנגעווייטיקטע סאציאלע פראבלעמען. אבער ער האט באלד פארשטאנען, אז די נויט קאן מען אמבעסטן גובר זיין נישט דורך פארטיילן נדבות, נאר דורך איינגלידערונג און פארפלעכטונג פון דער הילף אין דער אלגעמיינער קולטור־ און סאציאלער אויפבוי־ארבעט.

פארנדיק פון פאריז האט ער זיך פארגעשטעלט, אז ער וועט דא טרעפן געבראכענע, פארצווייפלטע מענטשן. אבער אומעטום, וווהין ער איז נאר געקומען, האט ער געזען צווישן די נעבעכדיקע וואגלער און פליטים מענטשן, וואס זענען מסוגל גובר צו זיין אלע שוועריקייטן פון מאמענט, וואס טראכטן וועגן קאנסטרוקטיווער ארבעט פון מארגן און אפילו פון דער ווייטער צו־קונפט.

ער איז פארכאפט געווארן פון אט די נייע פארמען פון יידישן געזעל־שאפטלעכן לעבן. מיט באגייסטערונג האט ער גערעדט וועגן אט די נייע אופ־נים פון יידישן ווידעראויפבוי, וועגן די נייע פארמען פון הילף, וואס זענען אזוי ווייט געווען פון דער אלטמאדישער פילאנטראפיע. ער איז פארצויבערט געווארן פון דער געוואלטיקייט פון אט דער אויפגאבע און, פארלאזנדיק ליטע, האט ער געזאגט, אז ס'וואלט זיך אים געוואלט ווערן א שותף צו אט דער נייער אידייע. ער האט אבער דערביי לגמרי נישט פארגעסן דעם קאנקרעטן יחיד, דעם נויט־ליידנדיקן מענטשן. דאס אוממיטלבארע מיט־לייד־געפיל און די אלגעמיינע הילף-אידעאלאגיע האבן זיך ביי אים פארבונדן אויפן שענסטן און איידלסטן אופן.

ס'זענען אוועק העכער צען יאר. א באגעגעניש מיט גלעזערן אין פאריז. דער גלויבן, וואס האט אדורכגעדרונגען דאס יידישע לעבן אין דער ערשטער נאך־מלחמה-צייט, האט זיך כמעט אויסגעוועפט. אמת, די מאטעריעלע נויט פון די יידישע מאסן אין מזרח ־ אייראפע איז אביסל אפגעשוואכט געווארן, אבער ס'איז אונז אלעמען שוין געווען קלאר, אז די נייע עפאכע וועט נישט נאר נישט רעאליזירן אונזערע האפענונגען אויף אן אויטאנאמען יידישן לעבן, נאר אז זי טראגט שוין אין זיך דעם סם. וואס וועט פארניכטן דאס ביסל, וואס איז געלונגען צו שאפן אין יידישן לעבן אין משך פון די ערשטע נאך - מלחמהדיקע יארן.

איך האָב געטראָפן גלעזערן דאָס מאָל אין זיין יורידישן קאַבינעט, באַשעפטיקט מיט בלערליי ענינים פון זיינע קליענטן. אָבער מ'האָט באַלד געקאָנט באַמערקן, אַז אַט דער סאָרט מענטשן איז אין זיין וואַרטע־צימער געווען נאָר אַ מיעוט. פיל גרעסער איז געווען די צאָל פריינט און באַקאַנטע, וואָס זענען געקומען צו אים וועגן געזעלשאַפטלעכע ענינים. גלעזער האָט מיר תיכף מודה געווען, אַז דאָס אַלץ, וואָס מיר האָבן בשעתו גערעדט אין ליטע, דער געדאַנק וועגן דער נויטווענדיקייט צו שאַפן און צו דערציען אַ יידישע אינטעליגענץ, וואָס זאָל זיך איינגאַנצן אָפּגעבן דעם אויפבוי פון יידישן לעבן אויף דעמאָקראַטישע פאָלקס - יסודות און נישט פון אויבן אַראָפּ, איז פאַר אים אויך איצט דאָס וויכטיקסטע, דער עיקר. די זיגזאַגן, דער אַרויף און אַראָפּ האָבן אים נישט אָפּגעשראָקן, נישט אַרויסגעבראַכט פון גלייכגעוויכט. זיין גלויבן אין דער צוקונפט פון יידישן פאָלק איז נישט דערשיטערט געוואָרן. ער האָט קיינמאָל נישט פאַרצווייפלט אין דער האָפענונג, אַז ער וועט מיט זיינע אייגענע אויגן נאָך זען די פאַרווירקלעכונג פון זיין געזעלשאַפטלעך־יידישן אידעאַל. אַלע שוועריקייטן האָט ער באַטראַכט נאָר אַלס צייטווייליקע, די קרבנות אַלס אומפאַרמיידלעך, אָבער נישט צופעליק. בלויז איינס האָט אים פאַרשאַפט עגמת־נפש, דאָס, וואָס די אידייע פון אַלגעמיינער, געמיינזאַמער אויפבוי - אַרבעט איז צעברעקלט געוואָרן, וואָס די יידישע אויפבוי - אָרגאַניזאַציעס ציען זיך אַלץ מער און מער אַריין אין טעכנישע, שמאָל אָפּגעגרענעצטע ספּעציאַל־פּראָגעס. ער האָט פיל געהאַלטן פון דער אַרבעט פון „אָזע”, אָבער ער האָט איך געמאַכט דעם פאָרוואורף, אַז זי פאַרוואַנדלט זיך אין אַ צו ספּעציאַליזירטער געזעלשאַפט און גרענעצט זיך אַזוי אַרום אָפּ פונעם אַלגעמיינעם, פאַראייניקטן ציל, פון דער יידישער אויפבוי - אַרבעט אַלס גאַנצקייט. — „איך בין געבליבן, — האָט ער געזאָגט, — געטריי דער אידייע פון פאַראייניקונג און איך גלויב, אַז ספּעציאַליזאַציע דאַרף נישט אויסשליסן אַ קאָאָפּעראַציע פון אַלע אַקטיווע כוחות אין יידישן פאָלק. דאָך פּאָליטישע און דאָס סאָציאַלע לעבן זענען ביי אונז אַזוי ענג פאַרקניפּט און פאַרבונדן, אַז מ'קאָן זיי נישט פאַנאַנדערטיילן”. ער האָט ביז גאָר באַדויערט, וואָס ס'איז אים נישט געלונגען צו ווידמען זיך אין גאַנצן דער יידישער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט.

די פּערספּעקטיוון פון יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן זענען געוואָרן אַלץ פינצטערער און פינצטערער. און וואָס ערגער ס'איז געוואָרן די לאַגע, וואָס קאָמפּליצירטער די אויפגאַבעס, אַלץ מער האָט זיך גלעזערן געוואָלט שטיין

נאָר נאָנט צו דער אַרבעט פון די ייִדישע אויפבוי־אָרגאַניזאַציעס. מיט אַ באַזונדערער פרייד האָט ער זיך אָפּגערופן אויף דער איינלאַדונג פון „אָרט" און געהאָפט, אַז דאַסמאָל וועט ער זיך שוין איינגאַנצן און אויף שטענדיק פאַרבינדן מיט די אויפגאַבעס, וואָס זענען אים געווען אַזוי טייער. דער מאָמענט, — האָט ער געזאָגט, — איז אַזעלכער, אַז מיר מוזן אַלע זיין אויפן פּאָסטן און אָפּגעבן אַלע אונזערע כוחות". דער „אָרט" איז פאַר אים צו יענער צייט געווען דער בעסטער אויסדרוק פון יידישן קאָנסטרוקטיוון געדאַנק.

באַגעגעניש יוני 1940. זי האָט זיך באַזונדערס טיף אַריינגעשניטן אין מיין זכרון. מ'האָט גערעדט מכוח דעם, ווי און ווען מ'זאָל פאַרלאָזן פּאַריז, ווי מ'זאָל באַזאָרגן די אָרגאַניזאַציעס, און זייער אַרבעט הינטערן פראָנט. איך האָב געקוקט אויף גלעזערן און זיך געוווּנדערט, — פּונקט ווי די גאַנצע זאַך האָט אים נישט באַרירט, נישט געהאַט קיין שייכות צו אים. ער איז געזעסן און האָט געשוויגן. אָבער אָט האָט מען געשטעלט די פראַגע, ווער עס זאָל בלייבן אין פּאַריז. און דאָ האָט ער גענומען דאָס וואָרט. „איך בלייב, איך גיי נישט אַוועק. לעגט אויף מיט אַרויף וואָס מער אַרבעט, גיט מיר וואָס מער אויפטראַגן. איך וועל זיך באַמיען אַלץ, וואָס ס'וועט נאָר מעגלעך זיין, אויסצופירן". „אָרט", „אָזע", טייטל - קאָמיטעט צו העלפן דער רוסיש - יידישער אינטעליגענץ, — אַלץ האָט ער גענומען אויף זיך. און ביים געזעגענען זיך האָט ער געזאָגט: „ס'פאַרשטייט זיך, מ'מוז ראַטעווען, כדי צו קאָנען ראַטעווען. אָבער איך גלויב אין דער צוקונפט, איך בלייב דער זעלבער ווי פריער".

זומער 1942. פּלוצלינג אַ בריוו, אין מאָנפּעליע, אַז גלעזער האָט פאַרלאָזן די צפון - זאָנע און איז געקומען קיין מאַרסעי. בשעת די געסטאַפּאָ האָט זיך אַריינגעריסן אין זיין וווינונג, האָט זיך אים על־פּי נס איינגעגעבן צו אַנטלויפן, זיך אויסצובאַהאַלטן. ווען ער האָט שפּעטער איינגעזען, אַז עס איז בשום אופן נישט מעגלעך צו בלייבן אין פּאַריז אין די אינטערעסן פון דער אַרבעט, איז ער אַריבערגעגאַנגען די דעמאַרקאַציע - ליניע.

און ווידעראַמאָל, ווען מיר האָבן זיך געטראָפן, האָט ער דערקלערט: „איך וויל דינען דער אַלגעמיינער זאַך. איך וויל זיך נישט איינצוימען", — און זיך געשטעלט אין רשות פון דער גאַנצער הילפס־אַרבעט. מיט דער זעלביקער פליכט־געטריישאַפט, ווי אַמאָל, מיט דער זעלבער טיפער ליבע צו זיין פאָלק, מיט דעם זעלבן ווילן צו דערנענטערן איינע צו דער אַנדערער — פּאָליטיק און סאָציאַלע הילף.



לעאָ גלעזער, זומער 1906 מיט אַ גרופּע פון זיינע פּאַרטיי־חברים
גלעזער אין צענטער, שטייענדיק



אונזער לעצטע באגעגעניש איז פארגעקומען דעצעמבער 1942, אין ליאן. מ'האט געהארפט באשליסן, ווי צו פירן די ארבעט אונטערן אקופאציע-רעזשים. ד. ה. ווי אזוי מ'זאל איבערגיין אויף אן אילעגאלער עקזיסטענץ. מ'האט באטראכט די פראגע מכוח א מקום מקלט אין דער שווייץ. אייניקע חברים און איך בתוכם האבן אנגעוויזן דערויף, אז גלעזער וועט אין דער נייער סיטו-אציע נישט קאנען פירן די ארבעט, אז ער טאר נישט בלייבן אין פראנק-רייך. ער האט זיך אבער אויסגעדרייט פון אט דער פערזענלעכער פראגע. ס'איז געווען קלאר, אז ער האט שוין א פעסטן באשלוס — און דער באשלוס איז: צו בלייבן דארט, וווּ ס'זענען געבליבן די יידישע מאסן. ער האט דער-קלערט: „איך קאן נישט פארלאזן יענע, וואס נויטיקן זיך אין הילף, און אין א צייט, ווען א סך חברים בלייבן נאך ביי דער ארבעט אויפן פלאץ". עטלעכע ווערטער, און שוין איז ער אריבערגעגאנגען צו זיין ליבלינגס-טעמע — איי-ניקייט אין דער ארבעט, געטריישאפט, און די נויטיקייט זיך באצייטנס צו-צוגרייטן פאר דער צוקונפט, — יענער אידעאל פון יידישן אויפבוי, וואס איז אים געווען אזוי טייער שוין אין די יונגע יארן, ווען ער האט זיך דאס ערשטע מאל געניייער באקענט מיטן יידישן לעבן און יידישע סאציאלע פראב-בלעמעס, און וואס פאר אים איז ער אלעמאל געווען גרייט אפצוגעבן זיך מיט לייב און לעבן.

. .

ער איז נישט אראפ פון זיין ליניע. אויך אין דער גרעסטער סכנה — דער זעלבער אויסגעהאלטענער כאראקטער, דער מאנאליט, ווי איך האב אים געקענט מיט העכער א פערטל יארהונדערט צוריק.

ס'ווערט שווער אויפן הארצן ביים געדאנק, אז גלעזער איז נישט מער צווישן אונז גראד אין איצטיקן מאמענט, ווען אין דער פינצטערניש, וואס האט איינגעהילט דאס יידישע לעבן, באווייזן זיך שוין דא און דארט העלע פלעקן, וואס אין זיי וואלט ער אפטימיסטיש, שוין געזען דעם באגינען פון א בעסערער, שענערער צוקונפט.

**ל. גורוויטש**, זשענעוו.

# פון „אריסטאקראט” צו א קאנספיראטאר

ביז דער אקופאציע פון פאריז האב איך געזען אין גלעזערן א פיין-קענער פון ליטעראטור, א רואיקן אינטעליגענט. הגם נישט פרעמד פון די מאכן, איז ער אבער נישט געווען דאס, וואס מען פלעגט רופן א „מאסאווע-טוער” ; ער איז פיל מער געווען א „קאבינעט-מענטש”, וואס האט זיך נישט אפגעזאגט, וואס האט אפילו מיט פארגניגן צוגעשטימט זיך צו טיילן מיט פאלקס-מענטשן מיט די פרוכטן פון זייגע שטודיומס. זיינע רעפעראטן זענען געווען לעקציעס, לעקציעס פון א תלמוד-חכם פארן מאסן-מענטשן. עס איז אים, וואס אן אמת, אין זיינע לעקציעס נישט געלינגען צו פאר-ווישן דעם תחום צווישן זיין אינטעליגענטער פערזאן און זיינע פראסטע צוהערער, זיין ארט רעדן אבער האט זיך אויסגעצייכנט מיט אזוי פיל פריינט-לעכקייט און גוטמוטיקייט, אז ער האט גלייך געווינען די ליבע פון זיינע צוהערער.

ער איז געווען א ליבער לערער.

זיין אריסטאקראטישע פיגור, זיינע סאלאן-מאניערן האבן אים גע-שטערט זיך אויסצומישן מיט די פאלקס-מאסן. פאר דער גאנצער צייט פון אונזער באקאנטשאפט, זייט 1914 האט ער דערצו געשטרעבט. עס איז פונדעסטוועגן תמיד געבליבן ווי א מחיצה צווישן אים און די יעניקע, וואס זיי האט ער געדינט בלב ונפש.

זיין אבסאלוטע אויפריכטיקייט האט אים געשטערט צו זיין קאריערע. אן אויסגעצייכנטער יוריסט, א גרויסער קענער פון דער יוריספרודענץ, א מענטש מיט זייער ברייטע באציונגען, איז אים פונדעסטוועגן נים מעגלעך געווען זיך צו שאפן א פאסיקע קאריערע אלס אדוואקאט. שוין אפגערעדט דערפון, וואס ער איז נישט געווען בכוח צו פארטיידיקן א קליענט, וואס איז לויט זיין מיינונג נישט געווען גערעכט, וואס ער האט „פארגעסן” איינצומאנען א חוב ביי אן ארעמען, איז זיין קאבינעט צו אפט געווען פארנומען מיט קליענטן אן האנאראר, פאר וועלכע ער האט שטענדיק גע-פונען גענוג צייט.

אזעלכן האב איך אים געקענט און אנדערש האב איך מיר אים גאר נישט געקאנט פארשטעלן.

אז לעא גלעזער זאל זיין מסוגל צו אקטיוון קאמף און, נאכמער, אז ער זאל קאנען זיין א קאנספיראטאר, — דאס וואלט מיר קיינמאל נישט איינגעפאלן. אבער גלייך פון אנהייב אן פון דער דייטשער אקופאציע האט ער אין דעם פרט ארויסגעוויזן גרויסע פעאיקייטן.

*

איך צווייפל שטארק, צי א מענטש, וואס איז נישט געווען אין פאריז אין טאג, ווען די דייטשע ארמיי האט ארייגעמארשירט, זאל זיך קאנען פארשטעלן די געדריקטע שטימונג פונעם קליינעם הייפל כלל-טוער, וואס זענען דא פארבליבן. אלע אינסטיטוציעס זענען געווען געשלאסן, קיין באקאנטן האט מען נישט באגעגנט, מען האט זיך געפילט ווי פארלאזן און פארשטויסן פון אלץ און אלעמען. ווען ס'האט צו מיר, שפעט אין פרימארגן טעלעפאנירט לעא גלעזער, איז אין מיין משפחה געווארן אן אמתע שמחה. ער האט מיך אבער נישט געלאזט אויסדריקן מיין פרייד, און מיר תיכף ווי באפוילן : — מען דארף עפעס טאן, מיר מוזן זיך באגעגענען.

און די באגעגעניש איז טאקע פארגעקומען ביי אים אין דער וווינונג. מיר זענען דאן נישט געווען אין צווייען, ס'זענען געקומען נאך פריינט.

די ערשטע טעג פון דער אקופאציע פלעגט גלעזער שפאנען איבער די פאריזער גאסן פון פרי ביז שפעט אין אוונט. ער האט אויסגעמיטן די מעטרא און געגאנגען צופוס, כדי צו האבן וואס מער געלעגנהייט צו באגעגענען פריינט. ער האט זיך געשטעלט די אויפגאבע אויסצוגעפונען וואס מער אינסטיטוציעס, וואס קאנען צוריק געעפנט ווערן, וואס מער טוער, זיי אויסצונוצן פאר געזעלשאפטלעכער טעטיקייט און דער עיקר, זיי אלע צו שטעלן אין פארבינדונג. אויף אונזער ערשטער באגעגעניש, דעם 14־טן יוני 1940 זענען מיר שוין געווען 5 פריינט ; אויפן צווייטן טאג זענען געווען פארזאמלט אין זיין וווינונג א קנאפער מנין טוער, און אט די ערשטע געהיימע פארזאמלונג האט באשלאסן צו גרינדן א געמיינזאמע ארגאניזאציע. די פארזאמלונגען זענען פארגעקומען אין זיין וווינונג, די ערשטע צייט יעדן טאג, שפעטער יעדן צווייטן טאג. אונזער צאל איז געוואקסן און האט אין א געוויסן מאמענט דערגרייכט די צאל פון 18.

פון אט די פארזאמלונגען איז ארויסגעקומען די ערשטע ווידערשטאנדס-

אָרגאַניזאַציע אין פראַנקרייך, דער „קאָמיטעט די אַמלאַ", ווו גלעזער האָט געשפּילט איינע פון די אָנפירנדיקע ראָלן.

גלעזער, דער „אַריסטאָקראַט" האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַן אַקטיוון קאָנספּיראַטאָר. די פאַרוואַנדלונג איז פאָרגעקומען אַזוי נאַטירלעך, מיט אַזוי פיל אויסערלעכער רואיקייט, אַז מיר האָבן עס גאָרנישט באַוויזן צו באַמערקן. פאַר דער גאַנצער צייט פון זיין מיטאַרבעט אין קאָמיטעט — ביז האַרבסט 1941 — איז מיר גאָרנישט אויפגעפאַלן דער פאַקט, אַז גלעזער האָט זיך געענדערט, אַפילו שפּעטער, אין די יאָרן 1943-1944, ווען איך האָב געזען גלעזערן דעם „קאָמי-וואַיאַזשאָר" פון צענטראַלן יידישן פּאַרטיידיקונגס-קאָמיטעט אויספירן די געפערלעכסטע מיסיעס צווישן ליאָן און גרענאָבל, איז מיר קיינמאָל נישט געקומען אויפן געדאַנק, אַז דאָס ווערט געטאָן דורכן אַמאָליקן „ליבן לערער". ער האָט זיינע מיסיעס אַדורכגעפירט מיט אַזוי פיל פּשטות, מיט הערצלעכער גוטמוטיקייט און מיט די זעלבע אַריסטאָקראַטישע מאַניערן ווי פריער, אַז עס האָט אויסגעזען גאַנץ נאַטירלעך פאַר אים, גלייך ווי אַזוי וואָלט עס באַדאַרפט צו זיין. ערשט נאָך זיין טראַגישן טויט, ווען איך האָב נאָכגעדענקט איבער זיין לעבן, האָב איך ערשט דאַן רעכט פאַרשטאַנען, וואָס מיט גלעזערן איז פאָרגעקומען, און זיין אָנדענק איז ביי מיר געוואָרן נאָך טייערער.

•

אין משך פון זיין קאָנספּיראַטיווער טעטיקייט האָט ער נישט אויפגעהערט צו זיין דער אומבאַגרענעצטער אויפריכטיקער מענטש, וואָס פריער.

בעת אין צוזאַמענהאַנג מיט דער דייטשער פאָדערונג צו שאַפן אַ צענטראַלע יידישע קערפּערשאַפט אין פראַנקרייך, איז אין קאָמיטעט די אַמלאַ געשטעלט געוואָרן די פראַגע וועגן פאַרבינדן זיך מיט דער קאָנסיסטאָריע, האָט גלעזער זיך אַנטשידן אַרויסגעזאָגט קעגן. ווען די מערהייט פון קאָמיטעט האָט אָנגענומען אַ פּאָזיטיוון באַשלוס אין אָט דער פראַגע, האָט גלעזער איינגעשטימט צו זיין איינער פון די דעלעגאַטן אין קאָאָרדיניר-קאָמיטעט, וואָס איז דעמאָלט געשאַפן געוואָרן. ווען עס האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז די דייטשן ווילן דעם קאָאָרדיניר-קאָמיטעט פאַרוואַנדלען אין אַ צענטראַלער יידישער אינסטיטוציע און פאַר די אַמלאַ האָט זיך געשטעלט די פראַגע פון דעמיסיאָנירן, איז גלעזערן געווען שווער אָנצונעמען דעם באַשלוס, ווייל צוליב דעם „וועט די קאָנסיסטאָריע בלייבן אַליין אין קאַמף".

זומער 1941 איז באהאנדלט געווארן די פראגע וועגן ארויסגעבן אן אומלעגאלן זשורנאל. צו רעאליזירן דעם פלאן זענען באשטימט געווארן צוויי טעכניקער: שאפירא אלס אינזשעניער און איך אלס געוועזענער דרוקער. גלעזער האט נישט געקאנט פארטראגן צו שטיין אין א זייט און פון אונז געפאדערט און געפועלט צוזשטיין צו אונז. צוליב טעכנישע שוועריקייטן האט דער פלאן, לײדער, נישט געקאנט רעאליזירט ווערן.

בעת די דייטשע זשאנדארמעריע האט געזוכט אין הארבסט 1941 גלעזערן, איז ער גרייט געווען זיך איבערצוגעבן אין אירע הענט. ווען נישט די קאלטבלוטיקייט פון זיין קאנסיערזשקע, וואלט ער שוין דאן געוועז אומגעקומען. מיין פרוי, וואס איז בייגעווען ביי אט דעם אינצידענט, האט אים פארנארט צו אונז אין דער וווינונג, ווו מיר האבן זיך באמיט אים צו איבערצייגן, אז ער זאל זיך נישט אונטערגעבן. זיין ארגומענט איז געווען, אז זיין פלאץ איז דארטן ווו יידן לײדן אמייסטן און אז „דארט איז אויך פאראן וואס צו טאן". זיין גייסט פון א קאנספיראטאר האט שוין דאן גע־נומען ביי אים די אויבערהאנט. מען האט געמוזט רופן צו הילף דעם איינ־פלוס פון ראפאפארטן און דר. מינקאווסקי, כדי ביי אים צו פועלן, אז ער זאל פארלאזן פאריז.

אזוי באלד ווי ער איז אריבערגעקומען אין דער „פרייער זאנע" האט אונז גלעזער גלייך פארבונדן מיט אונזערע פריינט פון דער פעדעראציע פון די יידישע געזעלשאפטן און אונז צוגעשיקט א גלענצנדיקן פארשטעלטן קאר פאר אונזער קארעספאנדענץ, וואס מיט אים האבן מיר זיך באנוצט די גאנצע צייט.

צום סוף אן עפיזאד, וואס וועט אמבולטסטן כאראקטעריזירן די ער־לעבטע און העלדישע פיגור פון לעא גלעזער פאר די, וואס האבן נישט געהאט די זכיה אים צו קענען:

פרילינג 1944. איך האב דאמאלסט געהאט דעם כבוד צו האבן די ראל פון פאראנטווארטלעכן פאר דער טעטיקייט פונעם פארטיידיקונגס־קאמי־טעט אין דער געגנט פון גרענאבל. דאס ארט, ווו איך האב מיך געפונען איז צו יענער צייט געווען געפערלעך און די פארבינדונגס־אגענטן האבן געמוזט זיך אפהאלטן פון קומען צו מיר. איך אליין האב מיך אויך נישט געוויזן אויף דער פריי. גלעזער אבער איז צו מיר געקומען, כדי מיך איבערצוצייגן, אז איך מוז מיך אריבערציען אויף א זיכערערן ארט. איך האב אים גע־פאלגט. אליין אבער איז ער אוועק אין דער געפערלעכסטער שטאט אין

יענעם מאָמענט, כדי צו פאַרנעמען זיין פּאָסטן אין צענטראַלן יידישן פאַר־טיידיקונגס־קאָמיטעט — אין ליאָן, אין גיהינום, וווּ עס האָט געבושעוועט די פּראָנצויזישע מיליץ. דאָס איז געווען זיין לעצטע נסיעה, ער איז דאָרטן געפאַלן אויפן שלאַכט-פעלד פון דער יידישער פאַרטיידיקונג.

די יידישע געזעלשאַפטלעכע באַוועגונג אין פראַנקרייך איז מיט דער אבדה פון לעאָ גלעזער געטראָפן געוואָרן אין איינעם פון אירע לעבעדיקסטע פונקטן. ווען דער צענטראַלער פאַרטיידיקונגס-קאָמיטעט האָט נאָך דער באַפרייונג פון פראַנקרייך געליטן פון אינערלעכע שוועריקייטן, האָט מען מער ווי איינמאָל געקאָנט הערן פון זיינע וויכטיקסטע טוער די פראַזע: ווען גלעזער וואָלט געלעבט, וואָלטן די געשעענישן אַנדערש אויסגעזען.

**י. יאַקובאָוויטש**

# דער „טרוימער פון געטאָ" אין די געטאָ־טעג

איך האָב זיך נעענטער באַפריינדעט מיט לעאָ גלעזער ערשט נאָכן קולטור־קאָנגרעס פון 1937. איך האָב מיך דאַן באַשעפטיקט מיט אָרגאַניזירן דעם יידישן קינסטלער־פאַרבאַנד ביים „איקוף". לעאָ גלעזער האָט זיך מיט אַ דעם ענין זייער פאַרינטערעסירט. בכלל האָט ער דעם „איקוף" אָפּגעגעבן זייער פיל צייט; ער האָט זיך אַריינגעוואָרפן אין אַ דער אַרבעט מיטן גאַנצן ברען פון זיין אידעאַליסטישער נשמה, מיטן גלויבן, אַז דורכן „איקוף" וועט ער קאָנען מיטהעלפן צו פאַרשפּרייטן קולטור און דער עיקר יידישע קולטור צווישן די ברייטע יידישע פאָלקס־מאַסן אין פּאַריז.

ער שטייט מיר נאָך פאַר די אויגן מיט זיין מאַסיווער פיגור, מיט זיין לענגלעך בלאַס פּנים, מיט זיינע טיפע קורצזיכטיקע אויגן, מיט זיין ליבנסווירדיקער אַרט רעדן. איך פלעג אים אָפט באַזוכן אין זיין וווינונג אויף 15, רי טערעז. ער פלעגט יעדעס מאָל, ווען איך בין צו אים געקומען, אוועקלייגן אַלע זיינע באַשעפטיקונגען און זיך אַריינלאָזן מיט מיר אין אַ לאַנגען שמועס איבער פאַרשיידענע קולטור־פּראָבלעמען. פון זיינע אַרטיקלען אין דער יידישער פּרעסע האָב איך שוין פון פריער געוווסט וועגן זיינע אַלזייטיקע קענטענישן אויפן געביט פון אַלגעמיינער און יידישער ליטעראַטור; ער פלעגט איבעריקנס יעדעס יאָר אויך געבן אַ ציקל לעקציעס און רעפעראַטן איבער דער פראַנצויזישער ליטעראַטור אין פאַרשיידענע יידישע פאָלקס־אוניווערסיטעטן אין פּאַריז. פון מיינע שמועסן מיט אים, האָב איך אין גלעזערן אַנטדעקט אַ טיפן מוזיק־קענער און לײדנשאַפט־לעכן מוזיק־ליבהאָבער. ער האָט טאַקע צו יענער צייט גענומען אויף זיך צו אָרגאַניזירן ביים „איקוף" אייניקע קאָנצערטן און זיין אַרבעט דורכגעפירט מיט ברען און התלהבות.

זיין באַציונג צו פלאַסטישע קונסטן, צו דער מאָלעריי איז געווען רירנדיק. ער איז איינגיכן געוואָרן דער דעלעגירטער פון „איקוף" אין קינסטלער־פאַרבאַנד און, ווי אַ פרומער ייד דאָס דאַווענען, אַזוי האָט גלעזער קיין איין און איינציקעס מאָל נישט דורכגעלאָזט קיין זיצונג פון אַט דעם

פֿאַרבאַנד. די זיצונגען פֿונעם פֿאַרבאַנד זענען אָפֿט געווען שטורמישע, עס זענען געווען פֿאַלן, ווען גלעזערס פּראָיעקטן זענען העפֿטיק באַקעמפֿט געוואָרן. גלעזער איז תמיד געבליבן רואיק און געלאַסן, עס איז משמעות גאָר ניט מעגלעך געווען אים אַרייַנצוברענגען אין כעס אַריין. מיר האָבן שפּעטער געוווסט, אַז גלעזער קען גרונטלעך די שווערע לאַגע און זאָרג פֿון דער קינסטלער־משפּחה און אַז ער איז צו יעדער צייט גרייט געווען צו העלפֿן אויפֿן חשבון פֿון זיינע אייגענע באַשרענקטע מיטלען. די באַזונדערס באַדערפֿטיקע. זיין אייגענע מאַטעריעלע לאַגע איז ווייט ניט געווען קיין גלענצנדיקע, ווייל זיין געזעלשאַפֿטלעכע אַרבעט האָט אים כמעט ניט געלאָזט קיין צייט פֿאַר זיין אַדוואָקאַטור־פּראַקטיק. גלעזער איז אָבער געווען פֿון יענע נאַטורן, וואָס זענען צו יעדער צייט גרייט צו דינען דעם כלל און אָט דער שטריך פֿון זיין כאַראַקטער איז באַזונדערס שאַרף געקומען צום אויסדרוק בעת די שווערע יאָרן פֿון דער אָקופּאַציע.

אין אָט די יאָרן איז מיר באַשערט געווען זיך נאָך צו טרעפֿן עטלעכע מאָל מיט גלעזערן. דאָס איז געווען אין 1941-40 אין ניצע, וווהין איך בין אָנגעקומען נאָך לאַנגע וואָגלענישן אין ניצע, וואָס האָט צו יענער צייט געשוועבלט מיט יידן פֿון פֿאַרשיידענע שיכטן און אַפֿילו אויך פֿון פֿאַרשיידענע לענדער, אין ניצע פֿון 1941, וואָס איז אַ קאַפּיטל פֿאַר זיך, אַ קאַפּיטל, וואָס דאַרף ערשט אָנגעשריבן ווערן.

אין הו־האַ פֿון יענע טעג האָב איך איינמאָל צופֿעליק געטראָפֿן גלעזערן אין באַריִמטן קאַפֿע „ליאָן“ אויף אַווענו דע לאַ וויקטואַר. דאָס האָט געמוזט זיין ווינטער 1941. מיר האָבן זיך אַוועקגעזעצט ביי אַ טיש. גלעזער האָט מיר דערציילט, אַז ער פֿאַרט אָפּ אויפֿן צווייטן טאָג קיין מאַרסעי, וווּ ער וויל בייזיין אויפֿן באַנקעט, וואָס מען אָרדנט איין פֿאַרן קאָמפּאָזיטאָר הענעך קאָן צו זיין אָפּפֿאָרן קיין אַמעריקע. זיינע אויגן האָבן דערביי געלויכטן מיט ליבע און פֿאַרערונג צום קאָמפּאָזיטאָר. איך דערצייל אים מיינע איבערעכאַנטע באַגעגענישן מיט הענעך קאָן אין פּאַריז. איך מערק אָבער גיך, אַז גלעזער האָט אויפֿגעהערט מיך צו הערן. איך האָב דעם איינדרוק, גלייך ווי ער וואָלט זיך איינגעהערט אין זיך צו די האַרציקע מעלאָדיעס פֿון הענעך קאָן, אויף זיינע ליפּן האָט געשוועבט אַ שמייכל. גלעזער האָט ווי געזונגען אין זיך...

אַ צייט שפּעטער איז גלעזער ווידער געקומען קיין ניצע, צוליב אַן אַקציע, פֿאַרשטייט זיך. מיר האָבן ווידער פֿאַרבראַכט אינאיינעם. גלעזער

האָט מיר דערציילט ווי די געסטאַפּאָ-אַגענטן האָבן זיך נאָך אים געיאָגט אין פּאַריז און ווי אַזוי בלויז דורך אַ צופאַל האָט ער אויסגעמיטן אַרעסטירט צו ווערן. דערציילט האָט ער דאָס אַלץ אין אַ לייכטן הומאָריסטישן טאָן, גלייך עס וואָלט זיך געהאַנדלט אין עפּעס אַן אומשולדיקע שפּיל פון קינדער.

מיין דריטע באַגעגעניש מיט גלעזערן אין ניצע האָט געמוזט פאָר־קומען אַרום ענדע 1942. די ניצער יידן האָבן איינגעאָרדנט אַ גרויסן באַנ-קעט לכבוד דעם פּאָפּולערן געזעלשאַפטלעכן טוער, דעם אַכציקיאָריקן ה׳ דובינסקי. ער האָט ביי דער געלעגנהייט געהאַלטן אַ גרויסע רעדע און געשילדערט זיינע רייזעס איבער די פּראָווינציעלע שטעט און שטעטלעך און אַפילו דערפער, ווו יידן לעבן אומלעגאַל אונטער דער אייביקער סכנה אַרעסטירט און דעפּאָרטירט צו ווערן קיין דראַנסי, אָדער אין די אַרבעט-לאַגערן. מען לעבט טאָג און נאַכט אין פּחד און אין אַנגסטן. אָפט ווערט מען אַלאַרמירט אין מיטן דער נאַכט, מען רייסט זיך אַרויס פון די בעטן און מען לויפט זיך באַהאַלטן אין די פעלדער, וועלדער, אָדער ביי גוטע קריסטלעכע פריינט. זיין שטים איז געווען געבראָכן, זיין קאָפּ אַריינגע-גראָבן אין די אַקסלען, דער גאַנצער קערפּער איינגעבויגן, גלייך ווי ער וואָלט געטראָגן אויף זיינע פּלייצעס די שווערע לאַסט פון אַלע יידישע צרות. איך האָב מיך אַרומגעקוקט אַרום זיך: אַלע פּנימער זענען געווען פאַרחושכט, אומעטיק, פאַרעלטערט. דער עולם האָט אַרומגערינגלט דעם רעדנער, ווי קינדער, וואָס זוכן שוץ ביי דער קראַנקער מאַמען. אין יענעם מאָמענט האָב איך אין גלעזערן דערזען דעם גרויסן פאָלקס-מענטשן. מיט זיין אומבאַגרעניצטער ליבע און רחמנות צום פאַרפאָלגטן, געמאָרדעטן יידישן פאָלק.

צום לעצטן מאָל האָב איך נאָך געטראָפן גלעזערן אין ניצע אַ קורצע צייט פאַר זיין טראַגישן אומקום. פון ערשטן אויגנבליק האָב איך אין זיין פּנים דערקענט אַ טיפע מידקייט. מיר זענען געווען איינגעלאַדן אויף זיין פּאָרטראַג, וואָס איז פאָרגעקומען אין לאָקאַל פון ניצער „אָרט“. ער האָט לאַנג גערעדט וועגן אונזער פאַרצווייפלטער לאַגע, ער האָט געזוכט טרייסט ווערטער און ניט געפונען, איז ער האָן אַריבערגעגאַנגען צו באַשולדיקן די ברייטע וועלט, וואָס קימערט זיך אַזוי ווייניק וועגן אונז. צום סוף האָט ער דערקלערט, אַז נאָך דער מלחמה וועלן מיר אַלע דאַרפן מיטהעלפן בויען אַן אומאָפּהענגיקע יידישע היים אין יידישן לאַנד, אין פּאַלעסטינע.

האָט דער גאַנץ אומדערוואַרטעטער אויספּיר מצד גלעזערן, וואָס איז געווען באַקאַנט אַלס סאָציאַליסט, האָט געלאָזט אויף אַלע אַ טיפן רושם. קענטיק, אַז אין זיין אַנגעוויטיקטער נשמה איז פאָרגעקומען אַ ראַדיקאַלער איבערברוך. אייניקע חדשים שפּעטער איז צו אונז דערגאַנגען די ידיעה, וועגן גלעזערס מאַרטירער־טויט, וואָס האָט אונז אַלעמען דערשיטערט ביז אין די „טיפענישן פון דער נשמה.

לעאָ גלעזער האָט געהערט צו יענע טיפּ ייד, וואָס דורך זיי האָט פּרץ געטרוימט אויפצובויען די נייע יידישע קולטור. אַ ייד, וואָס איז פאַרוואַקסן אין דער יידישער טראַדיציע און וואָס באַזיצט גלייכצייטיק אין אַ ברייטער מאָס די מאָדערנע אייראָפּעאישע קולטור. ער איז געווען איינער פון די, וואָס זאַנגוויל האָט זיי געשילדערט אין „די טרוימער פון געטאָ“, איינער פון יענע, וואָס זענען גרייט צו יעדן מאָמענט זיך מוסר נפש צו זיין פאַר זייער פאָלק און פאַר דער מענטשהייט.

**חיל אַראָנסאָן.**

# ל. גלעזער און דער „איקוף"

ל. גלעזער האָט נאָך זיך נישט איבערגעלאָזט קיין געשריבענע ווערק. איבערהויפּט קיין שום מאַטעריאַלן פון זיין פאַרשידנפאַרביקער טעטיקייט. קאָנען מיר דערפאַר וועגן זיין „איקוף"-טעטיקייט דערמאָנען נאָר בדרך כלל אויף וויפל עס זענען אין אונזער זכרון פאַרבליבן געוויסע פאַקטן, וואָס קאָנען עדות זאָגן וועגן גרויסן אינטערעס, וואָס ל. גלעזער האָט אַרויסגעוויזן פאַר אַלץ, וואָס האָט געהאַט אַ שייכות צום יידישן לעבן בכלל, צו קונסט און קול-טור-פּראָבלעמען און במילא אויך צו דער יידישער קולטור.

איז טאַקע פאַרשטענדלעך, וואָס ל. גלעזערן און נישט קיין אַנדערן איז איבערגעגעבן געוואָרן די אָנפירונג פון פאַריזער „איקוף". מיר דערמאָנען זיך וויפל דער אַלוועלטלעכער יידישער קולטור-קאָנגרעס, דער „איקוף", די פּלענער וועגן אַ ברייטער קולטור - קאָאָרדינירונגס-אַרבעט, וואָס ער האָט אויסגעאַרבעט, — וויפל אויפלעבונג, האָפנונגען, ווילן צו דער אַרבעט — דאָס אַלץ האָט אַרויסגערופן ביי אַלע, וואָס האָבן געזוכט אויפצוהייבן די יידישע קולטור-אַרבעט צו אַ העכערער מדרגה דורך אַן איינהייטלעכער איינשטעלונג פון אַלע אירע פּריינט.

איז קלאָר, וואָס צווישן זיי איז ל. גלעזער געווען דער בעסטער, אַ דאַנק זיין ליבע צום יידישן וואָרט, צו דער יידישער קולטור, צו יעדער קינסטלערי-שער באַמיונג, צו אַלץ, וואָס איז געווען שאַפונג.

האָס וואָלט געווען אַ טעמע פאַר אַ פּסיכאָלאָג צו דערגיין, וואָס אייגנט-לעך איז געווען ביי גלעזערן דאָס פּרימאָרדיאַלע — זיין ליבע צו אָרדנונג, צו מעטאָדישקייט, אָדער זיין חוש פאַר דעם, וואָס מען באַצייכנט אַלס עסטע-טיק. מן הסתם זענען אָט די צוויי נייגונגען ביי אים געווען געבונדן און האָבן געבילדעט איין גאַנצעס: אַלץ, וואָס איז פאַר אים געווען האַרמאָניש, איז במילא געווען אָרדנונג, פּלאַנמעסיקייט, צילבאַוווסטזיניקייט.

צווישן די פאַרשידענע אויפגאַבן, וואָס זענען דעמאָלט געשטאַנען פאַרן פאַריזער „איקוף", ווי דאָס איינאָרדנען פון פאַרלעזונגען, קורסן, ביבליאָטעק-אַרבעט, אויכשטעלונגען פון יידישע קינסטלער, טעאַטער-טעטיקייט א.אַ.וו.,

האַט ל. גלעזער גענומען אויף זיך בלויז די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דער מוזיקאַלישער אָפּטיילונג פונעם „איקוף"; ער האָט זיך געשטעלט פאַר אַן אויפגאַבע דאָס איינאָרדנען קאָנצערטן פון יידישער מוזיק, וואָס האָבן לויט זיין מיינונג געדאַרפט אָנרעגן די יידישע מוזיקער צו נייע שאַפונגען. חוץ־ביי האָט ער געפּלאַנט אוועקצושטעלן די קאָנצערטן אויף אַזאַ ניוואָ, וואָס זאָל נישט זיין נידעריקער פון די בעסטע פּאַריזער קאָנצערטן.

מיר דערמאָנען זיך דעם ערשטן קאָנצערט אין זאַל „עוואַר"; דאָס פּראָגראַם איז באַשטאַנען פון די שאַפונגען פון צוויי גוט־באַקאַנטע פראַנצויזיש־יידישע קאָמפּאָזיטאָרן און פון א ריי יידישע מוזיקער, צווישן וועלכע דער טראַגיש־אומגעקומענער טאַלאַנטירטער יונגער קאָמפּאָזיטאָר י. בערלינסקי, וואָס האָט אויסגעפירט צום ערשטן מאָל זיין פּרעכטיקע שאַפונג אויף עלעקטרישע כוואַליעס. דער זאַל איז געווען געפּאַקט און דער אָוונט איז אַדורך מיט גרויס דערפאָלג. גלעזער איז געווען איבערגליקלעך און שטאָלץ; ער האָט שוין געשפּרודלט מיט נייע פּלענער: — אונזערע נאָענטסטע אונטערנעמונגען מוזן נאָך העכער דערהויבן ווערן, מען וועט זיי מוזן איינאָרדנען אין די געגנטן, ווו עס וווינען ברייטע יידישע מאַסן, ווען מען זאָל אפילו צוליב דעם מוזן זיך אָפּשטעלן אויף א קלענערן זאַל. דער עיקר זאָלן מיר מאַכן שיינע, גוטע אַרבעט און אויפוועקן ביים יידישן עולם דעם חוש פאַר גוטער מוזיק.

עס איז צוגעגרייט געוואָרן א צווייטער אָוונט פון יידישער און קלאַסישער מוזיק אין זאַל „גאַוואָ". צוליב א ריי נישט־פאָרויסגעזעענע סיבות איז דער אָוונט נישט געלונגען. אויפן צווייטן טאָג האָט גלעזער צוגעשיקט צו דער אָנפירונג פונעם „איקוף" זיין דעמיסיע. פאַרוואָס? צי איז ער געווען אַזאַ שוואַכע נאַטור, אַז נאָך אַן ערשטן מיסדערפאָלג זאָל ער זיך באַלד ברעכן? זיכער נישט. ער איז אָבער געווען א מענטש פון אויסערגעוויינלעכער ערלעכקייט און איז עפּעס־נישט געלונגען, האָט ער נישט געוואָלט צושרייבן די שולד עמיצן אַנדערש ווי זיך אַליין, זיין אומפעיקייט בעסער דורכצופירן די אַרבעט. פאַרשטייט זיך, אַז קיינער פון די „איקוף"־טוער איז אויף דער דעמיסיע נישט איינגעגאַנגען.

צו וואָס ל. גלעזער זאָל זיך נישט האָבן צוגערירט, האָט ער עס „אָנגעשטעקט" מיט א געוויסן גלאַנץ פון שיינקייט. ער איז געווען עסטעט נישט נאָר אין זיינע אַרויסזאָגונגען וועגן קולטור־ווערק, נאָר אויך אין אָרגאַני־

זאציאָנעלן לעבן. דאָס האָט געווירקט, אַז די צוזאַמענאַרבעט מיט גלעזערן איז געווען אָנגענעם און פרוכטבאַר, ווייל זיין צוגאַנג צו איר איז געווען אַן ערנסטער.

נישט פיל פון אונז האָבן עס באַוויזן זיך אויסצוגלייכן מיט גלעזערן אין פּרט פון פּינקטלעכקייט. עס וואָלט געווען אַ טעות צו מיינען, אַז דאָס איז אַ קלייניקייט. סיי די ערנסטקייט, סיי די אַרבעטספעאיקייט ווי אויך די ווירק־זאַמקייט פון אַ מענטשן הענגען אָפּ פון זיין פּינקטלעכקייט.

זיכער וואָלטן זיינע אָנשטרענגונגען פאַרן שיינעם בנין פון דער „איקוף“־אַרבעט געקאָנט ברענגען גרויסע נוצן, ווען זיי וואָלטן נישט אַזוי ברוטאַל איבערגעריסן געוואָרן, צוערשט דורך דער מלחמה און שפּעטער דורכן רום־פּולן, אָבער טראַגישן טויט פון אונזער פריינט.

דאָס יידישע קולטור־וועזן האָט פאַרלוירן אין גלעזערן איינעם פון זיינע איבערגעגעבנסטע, איינעם פון זיינע בעסטע בויער.

**ב. אַדאַמיטש.**

# ל. גלעזער, מיין חבר און פריינט

מיין ערשטע באקאנטשאפט מיט ל. גלעזער איז פארגעקומען מיט 16 יאר צוריק אין זיין קאבינעט אויף דער ריוואלי־גאס. אונזער ערשטער שמועס האט זיך געפירט ארום פארשיידענע יורידישע, קולטורעלע און געזעלשאפט־לעכע פראגן. אין משך פון די 16 יאר פון אונזער באקאנטשאפט האב איך נים איינמאל געהאט די געלעגנהייט אפצושאצן אין גלעזערן זיין הויכע קולטור, זיינע טיפע קענטנישן נישט נאר אויפן געביט פון יוריספּרודענץ, נאר אויך די פראבלעמען פון דער אלגעמיינער וויסנשאפט. אלע זיינע פריינט וויסן ווי באהאוונט ער איז געווען אין דער פראנצויזישער געשיכטע און לי־טעראטור, אין דער יידישער, ענגלישער און רוסישער ליטעראטור און אויך אין דער אלגעמיינער קונסט.

עס איז געווען נאטירלעך צו טרעפן ביי אים פערזענלעכקייטן פון אלע מעגלעכע געזעלשאפטלעכע, קולטור־ און קונסט־קרייזן, צווישן אנדערע פלעגן אים אפט באזוכן דער דיכטער שניאור, דער סקולפּטאר נחום ארנסאן, שלום אש, אבראמאוויטש א.א.

אין די טראגישע יוני־טעג פון 1940 איז גלעזער געווען איינער פון די ערשטע איניציאטארן פונעם קאמיטעט, וואס איז דעמאלט געשאפן געווארן; ער האט זיך אפגעגעבן מער ארבעט פון קאמיטעט מיט לייב און לעבן, געזארגט וועגן אלע און אלעמען, און גאר באזונדערס וועגן די איבערגעבלי־בענע יידישע אינטעלעקטועלע, וואס זייער מאטעריעלע נויט איז געווען אומ־געהייער גרויס. עס דארף באזונדערס אונטערגעשטראכן ווערן דער פאקט, וואס אין זיין געזעלשאפטלעכער ארבעט זענען גלעזערן געווען פרעמד, וועלכע נים איז פאליטישע טענדענצן, ער האט קיינמאל נים גענומען אין אכט די פארטיי־אנגעהעריקייט פון די, וואס האבן זיך צו אים געווענדן.

גלעזער איז פארבליבן אויף זיין פאסטן אין פאריז ביז דער לעצטער מעגלעכקייט. ענדע זומער 1941 האט ער בלויז דורך א צופאל אויסגעמיטן די געסטאפא־אגענטן, וואס זענען געקומען צו אים אהיים אים צו ארעסטירן. ער איז דאן גרייט געווען זיך צו מעלדן פרייוויליק אין דער איבערצייגונג,

אַז ער וועט אין דראַנסי גופא קענען מיט וואָס ס'ניט איז נוצלעך זיין די אינטערנירטע. יאַקובאָוויטש, פינקלשטיינען און ראַפּאָפּאָרטן איז מיט פיל שוועריקייטן ענדלעך געלונגען אים אָפּצוהאַלטן פון אָט דעם שריט; אונטער זייער דרוק האָט ער דאַן פאַרלאָזט פּאַריז. מיט אַ קורצער צייט נאָכדעם האָט ער אין מאַרסעי פאָרגעזעצט זיין געזעלשאַפטלעכע אַרבעט מיטן זעלבן ברען און מיט דערזעלבער איבערגעגעבנקייט, וואָס זענען פאַר אים געווען אַזוי כאַראַקטעריסטיש.

גלעזער באַגנוגנט זיך דאַן נישט מער מיט דער אַרבעט אויף איין אָרט, מען טרעפט אים אָפט צו יענער צייט אין ניס, טולוז, פּאָ, טאַרב, לימאָזש, ליאָן א.אַ. זיין יידיש און מענטשלעך האַרץ האָט נישט געוווסט פון קיין רו. ער האָט אומעטום געמונטערט, געשטאַרקט און דער עיקר געמאָנט, דערמאָנט אין חוב, וואָס עס האָבן לגבי די פאַמיליעס פון די אינטערנירטע די יעניקע, וואָס זענען געבליבן אויף דער פריי.

אין 1943 האָט גלעזער געוווינט אין וואָראַן, 25 קילאָמעטער פון גרענאָבל, וווּ עס האָט זיך צו יענער צייט קאָנצענטרירט די טעטיקייט פון אַלע יידישע אָרגאַניזאַציעס. איך פלעג זיך דאַן אָפט טרעפן מיט אים אין גרענאָבל. די איינציקע טעמע פון אונזערע געשפּרעכן איז תמיד געווען די יידישע לאַגע און די געשעענישן אין דער אַלגעמיין פראַנצויזישער ווידערשטאַנדס-באַוועגונג.

גלעזער איז אויך אין יענעם פּעריאָד פיל אַרומגעפאָרן. ווען מען פלעגט אים אויפמערקזאַם מאַכן אויף דער סכנה, וואָס ער זעצט זיך אויס אין דער באַן מיט זיין טיפּיש יידישן אויסזען, איז זיין ענטפער תמיד געווען איינער: „דער וואָס ווייסט פון די נויטן און באַדערפענישן פון די יידישע מאַסן, דער וואָס פאַרמאָגט נאָר אַ ביסל אַ יידיש מענטשלעך האַרץ, דער נעמט גאָר נישט אין אַכט און שטעלט זיך נישט די פראַגע, צי עס איז פאַראַן אַ סכנה אָדער נישט." און גלעזערס אַרט לעבן צו יענער צייט איז געווען אַ באַשטעטיקונג פון אָט די ווערטער: די אינטערעסן פון די יידישע מאַסן זענען ביי אים געשטאַנען העכער פון זיינע פערזענלעכע אינטערעסן, העכער פון זיינע פאַמיליע-אינטערעסן, העכער פון אַלץ.

אין מאַי 1944 האָב איך געוווינט אין שכנות מיט גלעזערן נישט ווייט פון ליאָן, די מיליץ און די געסטאַפּאָ האָבן צו יענער צייט באַזונדערס ווילד געבושעוועט אין ליאָן און אין דער סביבה. מיר האָבן אָפט גערעדט וועגן דער סכנה, וואָס מיר זענען אויסגעשטעלט יעדע רגע, יעדע מינוט. אין איינעם

פון אזעלכע שמועסן האָבן מיר זיך געשטעלט די פראַגע, ווי דאַרפן מיר האַנדלען אין פאַל פון אַן אַריינפאַל, צי דאַרפן מיר באַשטיין אויף אונזערע פאַלשע נעמען, אָדער גלייך אָנגעבן אונזער אמתע אידענטיטעט. גלעזער האָט קאַטעגאָריש דערקלערט, אַז ער איז אַנטשלאָסן אין אַזאַ פאַל גלייך אָנ-צוגעבן זיין ריכטיקן נאָמען, ער האָט דאָס געזאָגט אין אַזאַ טאָן גלייך ער וואָלט געווען פולשטענדיק איבערצייגט, אַז אַזאַ פאַל מוז אים פּאַסירן.

איך האָב גלעזערן געזען צום לעצטן מאָל דינסטיק, דעם 27-טן יוני אין אָוונט. ער האָט מיר געזאָגט, אַז ער פאָרט מאָרגן פרי אַריין קיין ליאָן, ווו ער האָט אַ זייער וויכטיקן ענין צו דערליידיקן, און ווו ער מוז. אויך באַזוכן אַ וויכטיקע זיצונג.

גלעזער איז מיטוואָך אין אָוונט נישט אַהיימגעקומען. מיר האָבן זיך אויך גיך דערוווסט, אַז ער איז אין ליאָן נית געקומען צום ראַנדע-ווו. מיר האָבן אַלע גלייך געפילט, אַז דאָס שרעקלעכע איז געשען. אָט אַזוי איז גע-פאַלן אויף זיין פּאָסטן דער, וואָס האָט מיטן גאַנצן פלאַם פון זיין יידיש האַרץ זיך אָפּגעגעבן געזעלשאַפטלעכע אינטערעסן. גלעזערס קרבנות-גרייט-קייט וועט אָן ספק דינען אַלס ביישפיל פאַר אַלע די, וואָס האָבן אים געקענט און ליב געהאַט.

וואַלן זיינע פרוי און קינדער געפינען אַ טרייסט אין זייער שווערער אבדה אין באַוווסטזיין, אַז זייער מאַן און פאָטער איז געווען אַ גרויסער ייד און אַ גרויסער, גרויסער מענטש און, אַז אַלע די, וואָס האָבן געהאַט דאָס גליק אים צו קענען און מיט אים מיטצואַרבעטן, וועלן אים קיינמאָל נישט פאַר-געסן.

אַדוואָקאַט מ. ראָטשילד






די צערעמאָניע ביים אַנטהילן דעם טאָוול צום אָנדענק פון די זיבן דערשאָסענע אינײנעם מיט ל. גלעזער, ביי דער וואַנט פון בית־עולם אין רעי (ביי ליאָן), דעם 1־טן יולי 1945

דער טאָוול, וואָס לייענט זיך אַזוי: „דאָ זענען געפאַלן דעם 29־טן יוני 1944 זיבן יידישע מאַרטירער, דערשאָסן דורך די באַרבאַרן"

# לעאָ גלעזער, דער לאַנדסמאַן, פריינט און מיטקעמפער

לעאָ גלעזער האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט אַ זעלטן געלונגענעם סינטעז פון „זשאַגערער חכמה", ליטווישן פאָלקס־הומאָר, קורלענדישער גוטמוטי־קייט און קאָרעקטער אָרנטלעכקייט, דערגאַנצט מיט „פאַריזער עספּרי".

פון זיין פאָטער משה־פּרץ דעם מאָלער, וואָס האָט זיך באַזעצט אין ריגע און איז דאָרט לשם פרנסה געוואָרן אַ שילדן־מאָלער, האָט דער יונגער לעאָ געירשנט אַן איינגעבוירן געפיל פאַר קונסט אין אַלע איהרע פאָרמען, באַזונדערס פאַר ליטעראַטור, מאָלעריי און מוזיק.

גאָר פרי ווייזט ער אַרויס אַ נטיה צו פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט. אונטערן איינפלוס פון זיין לערער לאַצקי בערטאָלדי, לאָזט זיך דער זיבעצן־יאָריקער גימנאַזיסט אויף איינער פון די סטעזשקעס פונעם יידישן סאָציאַליזם — אין דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער באַוועגונג (ס. ס. ), וואָס איז אין יענער צייט פּאָפּולער געווען ביי דער יידישער שול־ער־יוגנט אין באַלטישן קאַנט. ער פאַרנעמט שנעל אַ פּלאַץ אין דער ראַ־יאָן־אָנפירונג פון אָט דער באַוועגונג, ווערט ארעסטירט אויף אַ קאָנפערענץ אין מיטאַווע און איז געצוואונגען צו פאַרלאָזן זיין היים; מיר טרעפן אים צוערשט שטודירן אין היידלבערג און מיט אַ יאָר שפּעטער, אין 1907 קומט ער קיין פּאַריז אינאיינעם מיט זיין ברודער וויקטאָר.

דאָס אַלץ און נאָך אַ סך אַנדערע פּרטים פון זיין לעבן בין איך געוווירע געוואָרן אין משך פון אונדזער צוואַנציק־יאָריקער פריינטשאַפט און באַ־זונדערס אין יענע שפּעטע אָוונטן אין זיין קאָנספּיראַטיווער וווינונג אין וואַהאָן, ביי גרענאָבל, וווּ איך פלעג אים אַזוי אָפט באַזוכן אין די ענינים פון אונדזער יידישן אונטערערדישן ווידערשטאַנדס־קאָמיטעט און וווּ זיין ליבנסווירדיקע פרוי מלכה־מאַרגאָ האָט געוויסט צו שאַפן אַן אַט־מאָספער פון גאַסטפריינטלעכקייט, „סאַמאָוואַר־געמיטלעכקייט" — זשאַ־גרערער חכמה, יידיש־פראַנצויזישן הומאָר און מוט, עכט יידישער מוט אָן אַ סוף . . .

* * *

אין משך פון די דריי יאָרצענדליק, וואָס זענען פאַריבער זייט זיין ערש-טער נאַכט אין פּאַריז, ביזן מאָמענט, ווען די נאַציישע קוילן האָבן דורכגע-לעכערט זיין הייס יידיש האַרץ, האָט לעאָ גלעזער טריי געדינט זיין פאָלק.

דער מאַלעכט־היטער און קלוגער אַדוואָקאַט האָט זיך ניט „ארויפגעאַר-בעט" ווי אַ סך אַנדערע פון זיינע ניט־מער פעיקע קאָלעגן. גלעזער איז אַלע זיינע יאָרן געבליבן דער פּאַריזער יידישער פאָלקס־אַדוואָקאַט, וואָס צו אים האָט יעדער יידישער פאָלקס־מענטש געקאָנט קומען פרעגן אַן עצה; ביי גלעזערן האָט מען צו יעדער צייט געקאָנט געפינען אַ פאַר-שטייער פון אַ יידישער אַרבעטער־ אָדער סתם פאָלקס־אָרגאַניזאַציע, פאַר וועלכע גלעזער איז צו יעדן מאָמענט גרייט געווען צו אינטערווענירן, אָדער באַהאַנדלען מיט זיי אינאיינעם אַ קאָמפּליצירטע סיטואַציע, כדי צו גע-פינען אַן אויסוועג. די פראַגע פון האָנאָראַר איז קיינמאָל אין קיין שום פאַל ניט אַרויסגעגאַנגען איבער די ראַמען פון אַ „נעבן זאַך" . . .

א „נעבן זאַך" איז אפשר פאַר גלעזערן געווען זיין פּראָפעסיאָנעלע טעטי-קייט . . . זיין געזעלשאַפטלעכע אַרבעט האָט גלעזערן אינגאַנצן אַבכאַר-ביהט און איז פאַר אים געווען דער עיקר כל העיקרים פון זיין טאָג־טעגלע-כער עקזיסטענץ.

* * *

מיט עכט מיסיאָנערישן אימפעט האָט לעאָ גלעזער במשך פון יאָרן אויס-געטרעטן די שטעגן פון אַלע יידישע אַרבעטער־לאָקאַלן, כדי צו באַקענען צענטליקער אוידיטאָריעס מיט זיינע קענטענישן פון דער פראַנצויזישער ליטעראַטור. צוגענגלעך אין דער פאָרם, צוגעפּאַסט צום פּאַריזער יידישן אימיגראַנט, זענען גלעזערס לעקציעס קיינמאָל נישט געווען קיין וואולגאַ-ריזאַציע, זיינע פאָרטראַגן האָבן ביי אַלע צוהערער געוועקט דעם אינטע-רעס, די נייגעריקייט און די שטרעבונג צו וויסן, צו פאַרשטיין . . .

און נאָך מער כוחות און ענערגיע האָט גלעזער אָפּגעגעבן דער דירעקט יידישער קולטור־אַרבעט אין אַלע אירע פאָרמען.

אַלס סעקרעטאַר פון „יידישן קולטור־פאַרבאַנד" האָב איך אין די לעצטע יאָרן פאַרן אויסברוך פון דער מלחמה געהאַט די געלעגנהייט צו באַאָבאַכטן די קנאות און איבערגעגעבנקייט פון גלעזערן ביי זיין אַרבעט אַלס אָרגאַני-זאַטאָר פון יידישער קולטור־אַרבעט אין פראַנקרייך. אונטער זיין ד י ר ע ק-ט ע ר ה ש ג ח ה איז זיך אין יענע יאָרן צעוואַקסן דער „יידישער קינסטלער־פאַרבאַנד"; אַ דאַנק זיין איניציאַטיוו און אומדערמידלעכער אַרבעט האָט דאָס יידישע פּאַריז אָנגעהויבן דערהויבן צו ווערן אין זיין מוזי-

קאַלישער דערציונג. אין אַלע קולטור־אינסטיטוציעס פון יענע יאָרן איז תמיד געווען אַ טייל פון הארץ און מוח פון אונזער אזוי טראגיש־אומגע־קומענעם פריינט.

* * *

און מיט זעלבן יוגנטלעכן ברען, מיט זעלבן געפיל פון אחריות פאַר גורל פון די יידישע מאסן, מיט דער זעלבער אומדערשראָקנקייט און גרייטקייט אויף קרבנות, איז גלעזער געבליבן אויף זיין קאמף־פּאָסטן ביז דער לעצטער שעה פון זיין לעבן.

אין פאַריז איז ער איינער פון די ערשטע, וואָס אָרגאַניזירן באַלד נאָך דער אָקופּאַציע די אַקציע פון פאַסיוון ווידערשטאַנד. ער קומט אַריבער אין דער „פרייער זאָנע" ערשט דאַן, ווען לענגער פאַרבלייבן אין פאַריז איז שוין פאַר אים אַבסאָלוט אוממעגלעך, בכדי פון ערשטן מאָמענט אָן זיך גלייך מיט לייב און לעבן אַריינצוואַרפן אין דער אַרבעט.

* * *

אין משך פון די טראגישע יאָרן 1942־1944 האָבן מיר, האָט קליינע הייפעלע קעמפער פאַר דער יידישער זאַך שוין געהאַט אָנגעוווירן אַ סך פריינט און מיטקעמפער און אין זייערע בלוטיקן טאָג, ווען ער איז דעם ערשטן מאָל ניט דערשינען אַלס ערשטער אויפן באַשטימטן טרעף־פונקט זענען מיר אַלע דורכגעדרונגען געוואָרן מיט פחד פאַר זיין גורל. מיט אַ פאָר טעג שפּעטער האָב איך געהאַלטן אין די הענט, וואָס האָבן מיר געציטערט ווי נאָך קיינמאָל ניט אין מיין לעבן, אַ פאָטאָגראַפיע פון זיין טויטן קערפּער

מיט אַ זעקס וואָכן שפּעטער איז אויסגעבראָכן דער ליאָנער אויפשטאַנד. ער האָט אים שוין ניט דערלעבט...

## אינזשיניער יוסף פרידמאַן

# ביאָגראַפישע נאָטיץ

לעאָ גלעזער איז געבוירן געוואָרן אין נאָוועמבער 1887 אין ריגע. זיין פאָטער משה פרץ גלעזער האָט געשטאַמט פון כאַלאָפע ניט ווייט פון דווינסק, פון אַן אָרעמער מתנגדישער פאַמיליע. פרי געוואָרן אַ משכיל, האָט ער זיך נאָך גאַנץ יונג אַרויסגעריסן אין דער „ברייטער פרייער וועלט"; אין ריגע איז משה פרץ געוואָרן אַ שילדן־מאָלער, חתונה געהאַט מיט אַ טאָכטער פון אַ קורלענדישן יידן און געפירט אַ באַשיידן לעבן פון אַ נאַאיוון, אידעאַליסטישן משכיל פון יענער ווייטער עפּאָכע.

אין אָט דער סביבה האָט לעאָ גלעזער באַקומען זיינע ערשטע איינדרוקן און איינפלוסן. כמעט נאָך אַ קינד טרעט ער אריין אין אַ רעוואָלוציאָנער שילער־קרייזל. ער איז אַלט אַ יאָר 17־18, ווען די יוגנט אין רוסלאַנד לעבט איבער דעם שטורעם- און דראַנג־פּעריאָד פון דער ערשטער רעוואָלוציע פון 1905.

אין 1906 איז ער קאָמיטעט־מיטגליד פון דער ריגער אָרגאַניזאַציע פון דער פּאַרטיי „ציוניסטן־סאָציאַליסטן" (ס.ס.). ער ווערט אַרעסטירט און גע־האַלטן אַ צייט אין טורמע. דער פאַמיליע געלינגט עס ענדלעך אים צו באַפרייען און אַוועקשיקן שטודירן אין אויסלאַנד.

לעאָ גלעזער קומט אָן קיין היידעלבערג, וו ער שטודירט פילאָזאָפיע אויפן דעמאָלט אַזוי באַרימטן היידעלבערגער אוניווערסיטעט.

אין 1907 פאָרט ער אַריבער קיין פּאַריז, וווּהין ער קומט שוין אַלס יונגער מענטש מיט אַ באַשטימטער גייסטיקער פאַרמאַציע. הערמיט דער־קלערט זיך זיכער דער פאַקט, וואָס הגם גלעזער האָט דעם גרעסטן טייל פון זיין לעבן פאַרבראַכט אין פראַנקרייך, זיך פולקום איינגעלעבט אין דער פראַנצויזישער קולטור, האָט ער זיך פונדעסטוועגן אויף קיין האָר ניט אַסימילירט און פאַרבליבן זיין לעבן לאַנג פאַרבונדן מיט די יידישע מאַסן, געקומענע פון מזרח־אייראָפּע.

געענדיקט אויף דער סאָרבאָנע דעם יורידישן פאַקולטעט, איז גלעזער גע־וואָרן אַדוואָקאַט און צוזאַמען מיט זיין פרוי, וואָס שטאַמט פון דרום־רוס־לאַנד, געשאַפן אַרום זיך יענע יידישע אַטמאָספער, וואָס האָט אים באַקענט געמאַכט אין דער יידישער וועלט אויך מחוץ פראַנקרייך. ניט געווען דער

פאַל, אַז אַ יידישער שרייבער, אָדער געזעלשאַפטלעכער טוער אויף דער דורכרייזע אין פּאַריז זאָל ניט האַלטן פאַר זיין חוב אויפצווזוכן גלעזערן אין זיין וווינונג.

אין דער ערשטער וועלט-מלחמה האָט גלעזער געפּרוווט זיך אַנגאַזשירן אַלס פרייוויליקער. ער איז אָבער ניט אָנגענומען געוואָרן צוליב זיין געזונט־צושטאַנד. ער איז דאָן די גאַנצע צייט געבליבן אין פּאַריז און זיך אָפּגעגעבן מיט פאַרשיידענע געזעלשאַפטלעכע אַרבעטן.

וועגן גלעזערס קולטור־געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט צווישןביידע וועלט־מלחמות און דער עיקר בעת דער אָקופּאַציע, דערציילן אויספירלעכער זיינע פריינט און חברים אין דער פּאַרליגנדיקער בראָשור.

אין יולי 1945 איז אויף דער איניציאַטיוו פון דער פעדעראַציע פון די יידישע געזעלשאַפטן אין פראַנקרייך גלעזערס קערפּער איבערגעפירט געוואָרן פון ברודער־קבר אין ריעי קיין פּאַריז און געבראַכט געוואָרן צו קבורה אויפן בית־עולם באַניע, אין קבר פון דער געזעלשאַפט חסד ואמת.

# אינהאַלט:

ר. גרינבערג: לעאָ גלעזער דער מענטש און געזעלשאַפטלעכער טוער — 5
דר. ע. מינקאָווסקי: ר. גלעזער אין טראַגישן פעריאָד — — — — — — 9
א. אַלפערין: דער מענטש, וואָס האָט ניט געטראַכט — — — — — — 12
ב. אַדאַמיטש: ל. גלעזער, דער סעקרעטאַר פונעם אַלגעמיינעם
יידישן פאַרטיידיקונגס־קאָמיטעט — — — — — — — — — 15
פ. שראַגער: גלעזער פון יענע יאָרן — — — — — — — — — — — 19
י. עפרויקין: דער בעל מידות — — — — — — — — — — — — 26
דר. ל. גורוויטש: מיינע באַגעגענישן מיט ל. גלעזער — — — — — — 29
י. יאַקובאָוויטש: פון „אַריסטאָקראַט" צו אַ קאָנספּיראַטאָר — — — 34
ח. אַראָנסאָן: דער „טרוימער פון געטאָ" אין די געטאָ־טעג — — — 39
ב. אַדאַמיטש: ל. גלעזער און דער „איקוף" — — — — — — — — 43
אַדוו. מ. ראָטשילד: ל. גלעזער, מיין חבר און פריינט — — — — — — 46
י. פרידמאַן: ל. גלעזער דער לאַנדסמאַן, פריינט און מיטקעמפער — — 49
ביאָגראַפישע נאָטיץ — — — — — — — — — — — — — — 52

Imprimerie S.I.P.N.
14, Rue de Paradis
—PARIS (Xe)—